יב

וועז מ׳קאן שוין נישט אויסהאלטן,
שרייבט זיך דעמלט א ליד — —
שרייב איך כסדר לידער —
בסדר ! כ׳בין דאך א ייד.




מעינקע קאץ

## ערשטער אמת

וואס איז פשוטער פון אמת ? וואס איז טיפער פון א סוד ?
ווער האט דעם מענטש פון ערשטן טרויער דערציילט ?

וואס פשוטער דער אמת, אלץ טיפער דער סוד,
פון ערשטן טרויער האט דערציילט דער ווינט — די ערשטע פלייט.

ווער ס׳האט צום ערשטן מאל דערזען די זון — די ערשטע ייִד,
האט דערזען דעם פשוטסטן אמת, דעם טיפסטן סוד.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

10־12 441־43 36׳סטער יארגאנג אקט.־דעצעמ. 1975 לאנדאן

אינהאלט

לכבוד חנוכה תשל״ו, האזארד־שפיל 1975 ........ °°° 2
מוסף מיט חסידים אין לענינגראד. ........ שמואל גאלדשמידט 12
אני מאמין, לבן־האגדה (לידער) ........ שאול טשערניכאווסקי 16
משה און האמאר (סאנעט) ........ מאיר גערטנער 18
באמערקונגען צו די דריי לידער. ........ מאיר גערטנער 18
4 מיניאטורן ........ שיע טענענבוים 20
„ספעשעל קעטערינג" — כשר עסן. ........ לארד עדווין סאמיועל 21
מיין ערשט געדריקט ביכעלע אין ווייטשעפל, אין די לעצטע
זומער טעג ........ א. נ. שטענצל 30
„סיניאר סיטיסנס" אין דער גאלדענע מדינה אמעריקע. סעם גאלדבערג 42
יוסף גרינבערג ע״ה ........ אייזיק גאלדבערג 45
נייע ארכעאלאגישע אויסגראבונגען פון די חשמונאים־צייטן
........ יעקב עדלשטיין 46
א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס. ........ ש. 49
ראזענבערגס יאר ........ יוסף לעפטוויטש 53

יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראיו, א.1.
רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

# לאנדאנער קולטור ידיעות

„העסטער סטרי״, א נאָוועלע פון אב קאהאן—א פילם געשפּילט אין אקאדעמי־טעאטער.

„שמשון הגיבור און דלילה״ פון וולאַדעמיר זשאבאטינסקי איז געשפּילט געווארן אין דער טעלעוויזיע.

דער בארימטער שרייבער קאצעטניק איז אויף א באזוך אין לאנדאן אין באגלייטונג פון זיין פרוי.

דער גוט־באקאנטער פּאעט פריד וויינינגער איז דא אויף א באזוך אין לאנדאן.

דר. יעקב מייטליס איז צוריקגעקומען פון א באזוך אין ישראל ווו ס׳איז ארויס איצט דארט א ניי בוך פון אים. עס גרייט זיך אָן אן אָוונט דא אין לאנדאן לכבוד זיין בוך.

רות באכנער, די זינגערין פון „קול רינה״ און ביי די שבת־נאכמיטאגס איז צוריקגעקומען פון א באזוך אין ישראל.

ביי די יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס איז דיסקוטירט געווארן, דער יידיש־קאנגרעס אין ירושלים אויגוסט 1976. עס האבן זיך באטייליקט י. א. ליסקי, מאיר באגדאנסקי, אסתר ערליכמאן אא.

אין יידישן שרייבער פאריין אין לאנדאן איז נאך א לאנגע דיסקוסיע אנגענומען דער באשלוס צו שיקן דעלעגאטן צום יידיש־קאנגרעס אין לאנדאן.

יוסף לעפּטוויטש האט געהאלטן א פּאר־טראג היינטיקן חודש אין אדלער האל איבערן יידיש־ענגליש פּאעט ראזענבערג. פאר־זיץ: מר. ריטשארדזאן.

ביי דער מלווה מלכה אין דער דיוק־פּלייס סינאגאגע אין אדלער סטר. פארזיץ ראביי קאסירער, האט גערעדט מר. ריט־שארדזאן. דר. ישראל פעלדמאן האט אין זיין רעדע גערעדט איבער שלום־עליכמס ווייטשעפּלער דערציילונגען. דאס באקאנטע פּארל „די באדלענדער־טווינס״ האבן געזינגען יידישע און העברעישע שידער.

אין גרויסן זיצונג־זאל פון יידישן וועלט קאנגרעס איז געווען אן זהכרה נאך דר. אהרן שטיינבערג. דער יידיש־רעדנער איז געווען יוסף פרענקעל.

חבר עלענצווייג פון די אקטעוויסטן פונם ארבעטער־רינג, ער פלעגט פון צייט צו צייט דריקן א ליד. זיינס טעאטער־שטיק א „בענקל אין גן־עדן״ איז אויפגעפירט געווארן אין גרענדפאליי טעאטער איז געשטארבן.

די באקאנטע שרייבערין סידא, האט אפּגעדריקט א ניי בוך. דאס מאל אין ענגליש.

אין סופּלאמענט צום מחזור פון ראש־השנה און יום־כיפור פון דער רעפארם שול אין ווייטשעפּל איז געווען אפּגעדריקט א ליד פון זישע לאנדא און דער מענער־האוז ליבעראל שול האט מען געליינט פארן עולם דערציילונגען פון י. ל. פרץ: באנטשע שווייג און פון חסידיש. אין דער „וועסט־ענד סינאגאג אף בריטיש דזשיוס״ גרייט מען צו א חנוכה אָוונט מיט יידישע רעציטאַציעס.

אין יידישן „קולטור־ווינקל״ קומט פאר זונטיק דעם צווייטן טאג חנוכה, אן אָוונט ביי א גלעזל טיי.

ביי די יידיש־ליטערארישע שבת נאכמיטאגס וועלן ביי שבתים, דעם ערשטן טאג חנוכה און זאת חנוכה זיין אויסגעפילט מיט חנוכה־פּראגראמען.

ביי די זונטיק ווינטער־קאנצערטן אין אדלער האל אנגעפירט פון אסתרס אלאמאן וועט אין חנוכה־זונטאק זיין א קאנצערט פון יידישער מוזיק און יידישע און העברעישע פאלקס־לידער.

נחום זילבערג אמאליקער פארלעגער פון יידישע ביכער און וואכן־צייטונגען איז געשטארבן.

מאדאם אייזיקאוויטש די לאנג־יאריקע געשעפט לייטערין פון גרענד פּאלע־טעאטער איז געשטארבן.

די חברים־גרופּע פון גרענד פּאלע־טעאטער גייען אן מיט אויפפירונגען אין לאנדאן און אנדערע שטעט אין ענגלאנד.

דער סעם גאלדבערג־אָוונט פון יידישן ליד און רעציטאציע דעם 18׳טן דעצעמבער אין קאנווע־האל.

דער חודשלעכער ליטערארישע־אָוונט פונם יידישן שרייבער־פאראיין אין יידישן וועלט קאנגרעסס זונטיק דעם 7טן דעצעמבער 3 אזייגער אין דין סטר. .1.א

בן־אורי פייערט איר 60 יאריקער עקסיסטענץ ביי געדעקטע טישע דעם 15 דעצעמבער 8 אזייגער אין אָוונט.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


10־12 441־43 36׳סטער יארגאנג אקט.־דעצעמ. 1975 לאנדאן


## לכבוד חנוכה תשל״ו

ווען א שונא רינגלט ארום א לאנד,
ער וועט די ערד פון ארט נישט אוועקטראגן;
אבער אז ס׳פאלק פון זיך נעמט אנטלויפן —
אין שאול תחתית שוין מ׳וועט עס פאריאגן!

ווען נישט ס׳הייליקע הייפעלע דעמלט,
עס וואלט קיין זכר פון אונז נישט געבליבן;
וואס פון שטארקסטן פאלק, ווען ס׳אנטלויפט פון זיך?
דאך דאס שוואכסטע פון זיין ערד פארטריבן —

זע, אין גלית־גלותן געיאגטע,
פון וויפיל שונאים־שטיוול שטויב־צעטראטן,
אין א ווונדערלעכער פלאקער פלאמט אויף,
לעצטער פונק נאך אונטער אש פארשאטן.

וואקלדיקסטער טראפ ציט אהיים צוריק,
מיט לעצטע כוחות זיך צו דערשלעפּן;
פון עמק־הבכה קוים ארויסקריכט,
אפגעהאקטע קעפּ ווערן די טרעפּן.

° ° °

זע, אין ליכטיקסטן טאג געזוכט א מענטש,
דיאגענעס מיט זיין גרויסן לאמטערן!
אין מיר, זיך געפינען מיט נר־תמיד־
ליכטל, א צאנקענדיקס שוין אין טרערן.

סאקראטעס, זונען־כוס צעברויזטער,
זיין גסיסה־שמייכל בלויז צו לעזן — — —
ווי שלעכט מיר מענטשן זיינען נישט איצט נאך,
אן די נביאים וואס ערשט געוועזן?

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

10־12 441־43 36׳סטער יארגאנג אקט.־דעצעמ. 1975 לאנדאן

## לכבוד חנוכה תשל״ו

װען א שונא רינגלט ארום א לאנד,
ער װעט די ערד פון ארט נישט אװעקטראגן;
אבער אז ס׳פאלק פון זיך נעמט אנטלױפן —
אין שאול תחתית שױן מ׳װעט עס פאריאגן!

װען נישט ס׳הײליקע הײפעלע דעמלט,
עס װאלט קײן זכר פון אונז נישט געבליבן;
װאס פון שטארקסטן פאלק, װען ס׳אנטלױפט פון זיך?
דאך דאס שװאכסטע פון זײן ערד פארטריבן —

זע, אין גלית־גלותן געיאגטע,
פין װיפיל שונאים־שטיװל שטױב־צעטראטן,
אין א װוּנדערלעכער פלאקער פלאמט אױף,
לעצטער פונק נאך אונטער אש פארשאטן.

װאקלדיקסטער טראפּ ציט אהײם צוריק,
מיט לעצטע כוחות זיך צו דערשלעפן;
פון עמק־הבכה קוים ארױסקריכט,
אפגעהאקטע קעפּ װערן די טרעפּן.

* * *

זע, אין ליכטיקסטן טאג געזוכט א מענטש,
דיאגענעס מיט זײן גרױסן לאמטערן!
און מיר, זיך געפינען מיט נר־תמיד־
ליכטל, א צאנקענדיקס שױן אין טרערן.

סאקראטעס, זונען־כוס צעברױזטער,
זײן גסיסה־שמײכל בלױז צו לעזן — — —
װי שלעכט מיר מענטשן זײנען נישט איצט נאך,
אן די נביאים װאס ערשט געװעזן?



## לאנדאנער קולטור ידיעות

„העסטער סטרי״, א נאװעלע פון אב קאהאן—א פילם געשפּילט אין אקאדעמי־טעאטער.

„שמשון הגיבור און דלילה״ פון װלאדעמיר זשאבאטינסקי איז געשפּילט געװארן אין דער טעלעװיזיע.

דער בארימטער שרײבער קאצעטניק איז אױף א באזוך אין לאנדאן אין באגלײטונג פון זײן פרױ.

דער גוט־באקאנטער פּאעט פריד װײנינגער איז דא אױף א באזוך אין לאנדאן.

דר. יעקב מײטליס איז צוריקגעקומען פון א באזוך אין ישראל װו ס׳איז ארױס איצט דארט א נײ בוך פון אים. עס גרײט זיך אן אװענט דא אין לאנדאן לכבוד זײן בוך.

רות באכנער, די זינגערין פון „קול רינה״ און בײ די שבת־נאכמיטאגס איז צוריקגעקומען פון א באזוך אין ישראל.

בײ די ײדיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס איז דיסקוטירט געװארן, דער ײדיש־קאנגרעס אין ירושלים אױגוסט 1976. עס האבן זיך באטײליקט י. א. ליסקי, מאיר באגדאנסקי, אסתר ערליכמאן אא.

אין ײדישן שרײבער פארײן אין לאנדאן איז נאך א לאנגע דיסקוסיע אנגענומען דער באשלוס צו שיקן דעלעגאטן צום ײדיש־קאנגרעס אין לאנדאן.

יוסף לעפּטװיטש האט געהאלטן א פארטראג הײנטיקן חודש אין אדלער האל איבערן ײדיש־ענגליש פּאעט ראזענבערג. פארזיץ: מר. ריטשארדזאן.

בײ דער מלוה מלכה אין דער דיוקפּלײס סינאגאגע אין אדלער סטר. פארזיץ ראבײ קאסירער, האט גערעדט מר. ריטשארדזאן. דר. ישראל פעלדמאן האט אין זײן רעדע גערעדט איבער שלום־עליכמס װײטשעפּלער דערצײלונגען. דאס באקאנטע פּארל „די באדלענדער־טװינס״ האבן געזינגען ײדישע און העברעישע שידער.

אין גרױסן זיצונג־זאל פון ײדישן װעלט קאנגרעס איז געװען אן זהכרה נאך דר. אהרן שטײנבערג. דער ײדיש־רעדנער איז געװען יוסף פרענקעל.

חבר עלענצװײג פון די אקטעװיסטן פונם ארבעטער־רינג, ער פלעגט פון צײט צו צײט דריקן א ליד. זײנס טעאטער־שטיק א „בענקל אין גן־עדן״ איז אױפגעפירט געװארן אין גרענדפאלײ טעאטער איז געשטארבן.

די באקאנטע שרײבערין סידא, האט אפּגעדריקט א נײ בוך. דאס מאל אין ענגליש.

אין סופּלאמענט צום מחזור פון ראש־השנה און יום־כיפּור פון דער רעפארם שול אין װײטשעפּל איז געװען אפּגעדריקט א ליד פון זישע לאנדא און דער מענער־האוז ליבעראל שול האט מען געלײנט פארן עולם דערצײלונגען פון י. ל. פרץ: באנטשע שװײג און פון חסידיש. אין דער „װעסט־ענד סינאגאג אף בריטיש דזשיוס״ גרײט מען צו א חנוכה אװענט מיט ײדישע רעציטאציעס.

אין ײדישן „קולטור־װינקל״ קומט פאר זונטיק דעם צװײטן טאג חנוכה, אן אװענט בײ א גלעזל טײ.

בײ די ײדיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס װעלן בײ שבתים, דעם ערשטן טאג חנוכה און זאת חנוכה זײן אױסגעפילט מיט חנוכה־פּראגראמען.

בײ די זונטיק װינטער־קאנצערטן אין אדלער האל אנגעפירט פון אסתרס אלאמאן װעט אין חנוכה־זונטאק זײן א קאנצערט פון ײדישער מוזיק און ײדישע און העברעישע פאלקס־לידער.

נחום זילבערג אמאליקער פארלעגער פון ײדישע ביכער און װאכן־צײטונגען איז געשטארבן.

מאדאם אײזיקאװיטש די לאנג־יאריקע געשעפט לײטערין פון גרענד פּאלע־טעאטער איז געשטארבן.

די חברים־גרופּע פון גרענד פּאלע־טעאטער גײען אן מיט אױפפירונגען אין לאנדאן און אנדערע שטעט אין ענגלאנד.

דער סעם גאלדבערג־אװענט פון ײדישן ליד און רעציטאציע דעם 18׳טן דעצעמבער אין קאנװײ־האל.

דער חודשלעכער ליטעראַרישע־אװענט פונם ײדישן שרײבער־פארײן אין ײדישן װעלט קאנגרעסס זונטיק דעם 7טן דעצעמבער 3 אזײגער אין דין סטר. א.1.

בן־אורי פײערט איר 60 יאריקער עקסיסטענץ בײ געדעקטע טישע דעם 15 דעצעמבער 8 אזײגער אין אװענט.

אז א גאט עס וויל א יעדערער זיין,
א הערשער איינער איבערן צווייטן!
אליין כאטש א טויטער געץ צו פאלן,
אויב נישט בכוח צווייטן צו טייטן.

„מי כמוך באלים השם״— — —
איבער דער גאנצער וועלט זיך צו טראגן,
דורך שייטער־פלאמען, דורך קרעמאטאריעס,
מוז דאך ליכטיקייט אמאל אויפטאגן

## האזארד - שפיל 1975

זיצט דער שטן פון איין זייט טיש,
פון דער צווייטער — גאט כביכול!
א רוח־רע „ס׳תהילימל״ א מיש.

ס׳ציטערט די האנט ביי גאט אליין,
דער שטן ווי טייוואליש ער לאכט — —
אז וואסער קארט עס זאל נישט זיין,

אן איינגעשטעלטע ס׳איז די ערד!
אז ווער נישט געווינען עס זאל,
אפגעמעקט א שטיק פון איר ווערט.

דער האזארד פון רענדלעך ס׳געשיט —
גאנצענע מילך־וועגן! לבנה
ס׳טעצל אין הימל אין דער מיט.

פון געווארפענעם שוידער־געלד
צו די לאפעטוטן ארום,
עס שוידערט די גאנצענע וועלט.

זיצט דער שטן פון איין זייט טיש,
פון דער צווייטער — גאט אליין!
און דעם שטן גייעט עס: פיש־פיש.

בלויז זע אונטערן טיש ליגט טויז רויט!
און דער טייוול אויף זיין בענקל,
בלייבט דערשראקן זיצן האלב טויט —



אט דא־א אפנים דער פשט:
„יושב בשמים ישחק״ —
אן אקעלע גאט כאפט אויף בלאט.

## זאת חנוכה

עס דרייט זיך דאס דריידערל,
און עס שטייט רק אויף איין ארט;
עס דאוונט שמונה־עשרה
בלחש, מ׳הערט נישט קייןווארט.

אז עס פאלט אויף דער גימל,
גרויס אין דער חדווה — א פרייד!
פאר מיינע אויגן יענע
חנוכה־נאכט ליכטיק שטייט.

אויף ביישטידל די מנורה
אן אנגעצונדענע ברענט,
און דאס דריידערל גייט
לעבעדיק פון הענט צו הענט.

„מעוז צור״ זינגענדיק,
אין שטוב ארויף און אראפ,
גייט דער טאטע, אוןביים טיש
א פריילעכער שטעלט זיך אפ —

צימעלעס געבוירן־טאג
אין „זאת חנוכה״ פאלט אויס;
אויף גימל ס׳דריידערל פאלט,
די פרייד ווי געוואלטיק גרויס.

די שמחה דעם קאן זי נעמט אויס!
לאטקעס מאמע ברענגט אריין — —
גליקלעכן געבורטסטאג־קינד
ווער געקענט דעמלט גלייך זיין?

* * *

פון אונז אין קרעמאטאריע
געברענט דו איין און אליין — —
אז איך דערמאן מיך, מיין הארץ

בלייבט שמונה־עשׂרהדיק שטיין.

ווען עס פאלט אויס דיין יארצייט ?
יעדן טאג זי וועט שוין זיין !
ברענענדיק מיין בליק תמיד
נאך דיר ס׳יארצייט־ליכט וועט שטיין.

## צו ראבינס באזוך אין דייטשלאנד

יא, ביז פאר נישט לאנג אקארשט צוריק
זיינען עס געווען די תנכ״ן
די בעסטע פון אלע מסחרים,
איבערזעצט אין הונדערטער שפראכן.

אצינד די בעסטע געשעפטן,
די מיליאנען פעטראליום־פעסער — —
אויב עס האנדלט זיך רק אין מסחר,
איינס פון צווייטן לגמרי נישט בעסער.

ווי קאן עס הייליק לייכטן ג אטס ווארט,
און ווי טמאדיק מ׳קאנס פארטייטשן — —
א, עס וועט נישט לאנג באלד נעמען,
גערעכט בלייבן די רוצחים דייטשן.

מיטן „ואהבת לרעך״,
אויסהרגענען מען קען מיליאנען — —
איידער מיט הייליקן תנכ״ל,
אפשר כשרער מיט קאנאנען ?

ווען עס האלט ביי פאלטיק־ביזנעס,
מאקיאוועליש אלץ קאן פארקומען !
דערפאר מסתם דאס מכבי־בוך,
אין תנ״ך נישט אריינגענומען . . .

אין בערגנבעלזן אצינד רבין,
זיין „מלא־רחמים״ דארט ווער דארפן ?
הערן זיך נישט איצטער דארט ווידער,
הארסט־וועסל׳ס־לידער מעסער שארפן ?



## דען אנדענק פון אונזערע קדושים

ביים טייך בלוט פארגאסענעם איך שווער :
(שפיץ־פען — א שפיז קאן זיך פארשארפן !)
מיר וועלן נישט איפהענגען, אויף די
סאבערעס, אונזערע קדושים־הארפן.

און ווען די סטרונעס וועלן פלאצן,
אונזערע אדערן זיך שפאנען,
אן איכה־אז־ישיר אויסצוזינגען — —
אזוינס אויף ערד נאך נישט פאראנען.

יעדע אויסגעטערענטע שירה,
הימליש איפגעגאנגענער שטערן :
צוויי מיליאן מלאכימלעך־אייגעלעך,
גרויסן־בערס צעפינקלען מיט טרערן.

אצבע־אלוקים פון קל־נקמות
צווישן די סטרונעס וועט ציטערן :
מעז יצא מתוק — א געזאנג,
פון הארץ פאריתומטן ביטערן.

אויף קרעמאטאריע פלאקערס,
קאוועט מען אזעלכע סטראפעס,
אז אויף דער גארער ערד נישט מער שוין,
געשען אזעלכע קאטאסטראפעס —

אין די חשכותדיק פינסטערע נעכט,
ווען אויף הימל ווייזט זיך קיין שטערן,
כ׳דערצייל — — כ׳הער א קול ברמה געוויין — — —
אז אזוינס געשען געקענט ווערן.

## מ א ק א ב ע ר י ש . . .

„ג אט באשיץ אונז פון יידישע מיילער
און פון גויאישע רוצחישע קיילער״.

אז דאס וואס געווען האט געשען קענען,
לעבעדיקע באגראבן, פארברענען —

מיט אש באמיסטיקן די אקערס!
ס'הארץ ריר זיך, די אויגן שייטער־פלאקערס:

און ווער? דאס פאלק פון געטע און שילער
ארום די פעלקער ווי די מייז נאך שטילער — — —

מען קען עס חלילה אזוי ווייט טרייבן,
קיין „קדיש" צומאל נישט איבערבלייבן —

אראמיש — פון עברית ס'מאמע לשון,
אבער „וואס־וואס" — קרעמאטאריע־עשן!

„גאט באשיץ אונז פון יידישע מיילער,
און פון גויאישע רוצחישע קיילער."

---

א, און פון מיינע אייגענע לעפצן,
ווער ווייסט וואס אלץ אין צער מ'קען אויסקרעכצן.

## די עיר־השלום

(לזכרון די 6000000 קדושים)

פון אלע אונזערע דור־דורות, מסתמא,
ס'הייליקסטע דאס שטעטל, די יידישע מאמע —
די טאטעס אפגעהיטן קוצו־של־יוד!
און ווער פארגעסן קען מאמעס וויגן־ליד?

די געטא־וואנט א שטיין אויף א שטיין צענומען,
טא וויאזוי וויסן צוריק וואו צו קומען?
אבער דארט דאך געבליבן א זכר שטיין,
וואס ווייזט דעם וועג צוריק אהיים צו גיין.

טאפן מיר זיך בלינדע ביי די כותל־שטיינער,
וויפיל נישט דערגיין, אוועקפאלן נישט איינער;
ווי ביי די, וואס דאך אנקומען, די פרייד גרויס!
א קינד, וואס קומט צוריק צו דער מאמעס שויס!

יעדער זיין שטעטל צוריק וועט געפינען,
ווארום ווען פון ירושלים אנטרינען,
מיטגענומען יעדער א קוצו־של־יוד
און מערער ווי ס'לעבן זיינס אפגעהיט.

ירושלים א פולע מיט יידן!



וויפיל מדינות — אזויפיל פארשידן!
צעפיצלט, צעברעקלט אבער ווי קליין
ס'פיטשעקדיקסטע יידעלע זאל נישט זיין —

ווען די עיר־השלום שלימותדיק אינגאנצן,
די בערג ארום איר פריידיקער ווידער טאנצן — —
ווארום וואס קאן שוין זיין דען גרעסער־א־זיג
ווי מאמע איר ליד זינגט איבער איר קינדס וויג.

## חנה מיט אירע זיבן זין

וואס וואלט פון אונז געווארן,
א פאלק מיט א מענה־לשון;
געוואלטיקע נביאים־רייד אין,
מדרש־דרשות צעדראשן.

וואס באצוקערטע מאנדלען, אז
ראזשינקע נישט געבליבן?
א פינסטער־חושך גלות־פאלק,
פון לאנד צו לאנד געטריבן.

אז וואס וואלט פון אונז געווארן
אן אונזער מאמע־לשון —
תיבה אין ים־שטורמען, אויף דאך,
זיצט עוג מלך הבשן.

הייליקע תהילים פסוקים,
פאר מלאך־דוממס וועגן,
לאחר מאה־שנים,
„מה־שמך"! ר'וועט פרעגן.

אן אונזער לשון קדושים,
וואס העברעאיש געוועזן?
עץ־קוצץ מצבה־מליצה,
אן אקריסטיך צום לעזן.

אן יידיש וויאזוי ביאליק?
אן מענדעלע, דעם אלטן,
וויאזוי מלמדישע האנט,

סאכע אין האנט געהאלטן.

יא, ווער פרצן אין יידיש
קאן לייענען, קאן מערער —
עברית ווי מאנכער אולפאניסט
אוניווערזיטעט־הערער —

* * *

חנה מיט אירע זיבן זין,
מיט אין גלות געגאנגען,
און זינגט מיט אונז אין יידיש מיט,
די גאולה־געזאנגען.

## קליינע מתתיהו באלאדע

אלע שטייען ארום דעם מזבח,
אויף וואס א געבינדענער חזיר ליגט,
און דער גריך, דער ראש פון דער ארמיי,
אייפן עולם מיט א בליק וואס באזיגט.

ר׳זעט איינעם מיט ווייס צעווייעטע בארד,
שרייט ער צו אים: „ס׳קרבן פאר צויאוס שאכט"!
דער אלטער נעמט ס׳מעסער, קוקט עס שארף אן:
„א חזיר ס׳קרבן"?! און הויך זיך צעלאכט.

אין איבער קאפ פון דעם ארמיי־ראש,
פאלט דאס געשליפענע מעסער אראפ:
„דא האסט דו אים, דעם אפגעשניטענעם,
דיין אייגענעם, דיין חזרישן קאפ".

## דער אין-סוף-גערצנגל . . .

פון דער חיה ביזגעלע צום מענטש,
צי איז דען גאר גרויס דער אונטערשיד?
אז וואס האבן ביידע דען געגלויבט,
פלאטא, דער גריק, ווי משה, דער ייד?

די חיה־נעגל מאניקירן,
ס׳האט דער ערשטער מיט חכמה געוואלט,
אין דעם צווייטנס „אנוכי", ווי שנעל



פארטוישט אויף עגל־קאלב פון גין־גאלד.

האט דאך נאך דער גרויסער סאקראטעס,
געטאנצט צום פייפל פון ציג־באק פאן — —
צען־שפאן צוריק ס׳מוז חיה־מענטש גיין —
ביזגעלע ווייטער פאראויס איין שפאן.

די גאנצענע וועלט אויסגעמאסטן,
און ווי ווייט האלטן מען נאך אצינד?
אויף דער שחיטה־באנק אייסגעצויגן,
אויגן פארגלאצט, פארבונדענע בלינד.

## דעם „שמש׳ש" אויסצאנקן

וויפיל גלות אויסגעהאלטן,
קיין ביקס אין האנט נישט געהאלטן;

שטאט בליי קוילן געגאסן ווערן —
געגאסן מיט גליאיקע טרערן!

גלות־גיין מ׳איז נישט תמיד זוכה —
א מדריגה א גאר גאר הויכע!

און ערשט ס׳פארטיפטע כורעים פאלן — —
ס׳איז נישט שלאכט־פעלד טראמפייטן־שאלן,

מיט קולי־קולות זיך צו צעכליפן — —
בלחש שעפטשענדיקע ליפן,

אליין צומאל מ׳זאל נישט הערן!
ס׳הארץ א „מקוה־ישראל" פון טרערן —

* * *

שמונה־עשרה שטילינק געשטאנען,
די הייליק צייט אויסגעגאנגען;

א „ככל־הגוים" מיר ווערן,
אטעמען מיט אטאם־געווערן.

## עיקר שכחתי

א.

די גריוון־לאטקעס אין די חנוכה־נעכט,
געפּרעגלטע אינם יום־טובדיק שמאלץ,
זיי דערציילן: אז דאס קריגעלע בוימל,
דאס שמן־זיתדיקע, איז נאך נישט אלץ.

יא, אן חברה לאטקעס, „אונזערע יינגלעך״,
איף טויט און לעבן זיך געווארפן אין קריג,
ס׳וואלט נישט געבליבן צומאל דאס מעשהלע:
„כהן גדול . . געחתמעטער בוימל קריג . .״

אן חברה לאטקעס איפן בית־מדרש־הויף,
פּאשעט זיך נישט צומאל איף איר דאך קיין ציג — —
ערשט, דער המעט מכל העם זאל האבן,
אן אייגענע נחלה, א זיג נאך א זיג — —

ב.

אז ערשט מלחמה־שרעק פארברידערט א פאלק,
איינס עס ווערט אין שותפותדיקן טויט־געפאר;
פון אייגענעם בלוט פאר זיין פּיצעלע ערד,
דאס מענטשלעכע לעבן איז זיך ערשט מטהר — — —

אז אין קריגעלע, איינגעחתמעטן,
קיין טראפעלע בוימאייל — א פינסטערניש, א קעלט!
איז וואס ניצט, אז אויף דעם ארדענעם כלי,
די הייליקע חתימה איז ארויפגעשטעלט?

א „מי כמוך באלים השם״!
אז וואס קאן שוין ווערן פון מענטש און פון וועלט?
איין קבר וואס אונז אלע באגראבט, אדער
א ליכט איפגייט און אלע הערצער צעהעלט.

שמואל גאלדשמידט

## מוסף מיט חסידים אין לענינגראד

איך האב קיינמאל ניט געפילט דעם פולן אמת פונעם פסוק „את אחי אנוכי מבקש״ ביז איך בין ניט געקומען קיין רוסלאנד ערב ראש השנה.



לענינגראד איז זייער א שיינע שטאט, איינע פון די שענסטע שטעט אין איראפע. סאוועט־רוסלאנד איז א נייע געזעלשאפט פאר איינעם פון אונז אין מערב, אפילו אויב ער האט זיין גאנץ לעבן שטודירט די רעוואלוציע און אירע פאליטישע קאנסעקווענצן. אינה דומה ראיה לשמיעה. פאר מיר איז די רייזע געווען א גרויסע דערפארונג אויך דערפאר ווייל די קולטור איז א באקאנטע און דער עטאס א היימישער פון די קינדער־יארן. אבער דאס אלץ איז גוט פאר א גאנץ יאר. ראש השנה בין איך אוועק אין שול אריין. „את אחי אנוכי מבקש״. .

די לענינגראדער כארשול אויף נומער פיר לערמאנטאוו פראספעקט איז איינע פון די בעסטע שול־געביידעס אין איראפע, א מאנומענטאלער בנין, א צירונג פאר לענינגראד אפילו אכט־און־פופציק יאר נאך דער רעוואלוציע.

די דאזיקע שול האט בשעתו געבויט באראן גינזבורג אין 1880. דער באראן איז געווען א צענטראלע פיגור אין רוסישן יידנטום — רייך און בכבודיק, און א מעצענאט פון רעליגיעזע און קולטורעלע מוסדות. האט ער אויסגעבויט די שול. היינט איז זי — ניט נאר א מקום־תפילה נייערט אויך דער זאמלפונקט פון יידן, וועלכע קומען זיך באהעפטן מיט כלל ישראל.

פינף טויזנט מתפללים, מענער און פרויען, יונג און אלט (אבער זייער ווייניק קינדער, אפשר א צען אדער פופצן), האבן איבערפילט דעם רוים פון דער שול, דעם פאליש, די ווייבער־שול, דעם שול־הויף און די גאס. מאנכע יידן האבן געהאט זייער אויטאמאבילן איפן בולוואר ביי דער שול.

אין די פריערדיקע יארן פלעגן געסט פון אויסלאנד זיצן באזונדער. ניט היינט. מען האט מיך אויפגענומען ווי א ברודער. מען האט מיר געגעבן אן עליה. מען האט מיר געגעבן שלום־עליכם פון אלע זייטן. „מאמע־לשון, העברייאיש און רוסיש — פון וואנעט קומט איר?״

עס איז געווען א מאמענט פון טיפער עמאציע צו שטיין אויף דער בימה אין לענינגראדער שול דעם ערשטן טאג ראשה השנה און מאכן די ברכה . . . איך בין ניט לייכט אויף טרערן. אפט פארדריסט מיך וואס איך בלייב קאלט. אבער ראש השנה אין לענינגראד צווישן רוסישע יידן איז עפעס אנדערש . . .

צווישן מיינע נייע באקאנטע איז געווען א פארוואלטער פון א גרויסן קאאפעראטיוו, א רוסישער ייד מיט ווארצלען אין דער רעוואלוציע, אבער א ייד.

„לאמיר גיין צו מוסף ביי די חסידים״.

„ווו זיינען זיי? וואס פאר א מין חסידים האט איר?״

„קומט מיט מיר. איר וועט עפעס זען אין הערן״.

זיינען מיר געגאנגען — ניט זייער ווייט. פאראן ביי דער שול א שטיבל. אמאליקע יארן איז די שטיבל געווען אפן אין וואכעדיקע טעג בכדי מען זאל קענען אפדאווענען א גיכן שחרית אדער מנחה, אדער מעריב מיט א מנין. אין דער דאזיקער שטיבל האבן מיר געפונען די חסידים. א פאר

הונדערט האבן אנגעפילט די שטיבל און געדאוונט אויפן חסידישן שטייגער — אזוי ווי זיי וואלטן געווען אין ליובאוויטש אין יאר 1875 און ניט אין לענינגראד אין יאר 1975. זיי זיינען געווען מחוץ פון טעריטאריעס, רעזשימען, פראבלעמען פון היינטיקער וועלט. זיי זיינען געווען פנים־אל־פנים מיטן ריבונו־של־עולם . . .

„מסוד חכמים ונבונים
ומלמד דעת מבינים,
אפתחה פי בתפילה ותחנונים
לחלות ולחנן פני מלך שוכן מרומים״. . .

מען האט געדארפט זיין שטארקער פון אייזן זיך ניט אנצושליסן. איך בין געבליבן צו מוסף מיט די חסידים. איך, א ליטוואק פון צען דורות . . .

קיין חזן האבן זיי ניט די חסידים אין לענינגראד. אבער זיי דארפן בעצם ניט קיין חזן. זיי האבן א בעל־תפילה, און זיי זינגען צוזאמען מיט אים. עס איז געווען א קאלעקטיווע תפילה — תפילה בציבור. יונגעלייט, די פאות פארקעמט אונטערן הוט, האבן זיך געשאקלט אין טאן מיט די אלטע יידן, וועלכע האבן געלערנט חסידות ביי זיך אין שטעטל. אויב עס זיינען געווען ק.ג.ב. אגענטן אין חסידישן שטיבל (איך האף אז ניט) האבן זיי מיטגעדאוונט . . .

אן אלטער חסיד האט מיר דערקלערט זיין צוגאנג:

„דער ריבונו־של־עולם און דער קרעמל זיינען ניט קיין קאנקורענטן. דער קרעמל איז אויך די יצירה פון זיין ליבן נאמען. אויב ער וואלט ניט געוואלט, וואלטן מיר ניט געהאט קיין קרעמל. איך נעם אן דיני דמלכותא און זיי לאזן מיר דאוונען און לערנען תורה. אויב זיי זאלן חלילה ניט לאזן, וואלט איך געדארפט באשליסן וואס צו טאן, און איך ווייס, און דו ווייסט, מיין זון, וואס איך וואלט געטאן. אבער היינטיקע צייטן איז עס כמעט ניט קיין קידוש השם. זיי זיינען געקומען צום אויספיר, אז מיר ווילן ניט מאכן קיין קאנטער־רעוואלוציע. מיר לאזן איבער דעם ריבונו־של־עולם ער זאל פירן די וועלט״.

איך בין זיכער, אז דער קרעמל האט קיינמאל ניט געהאט קיין מער אנשטענדיקן בר־פלוגתא ווי דער דאזיקער אלטער חסיד. ער גייט זיין וועג און מישט זיך ניט אין זייערע ענינים . . .

נאך מוסף זאגט מיר א נייער באקאנטער ביי די חסידים: „קום, לאמיר ארייננקוקן אין דער אוקראינישער שול.״

ווייזט זיך ארויס אז די אוקראינישע יידן אין לענינגראד האבן זייער אייגענעם מנין. „זיי קימען פון דרום און מישן זיך ניט מיט אונז״ — זאגט מיין פריינט.

זיי האבן נאך געדאוונט. זייער חזן האט ערשט געהאלטן ביים סוף פון שמונה עשרה. מען האט אונז פריינטליך אויפגענומען. א פראפעסאר האט מיר געמאכט אן ארט צו זיצן.



פין וואנעט ווייס איך אז ער איז א פראפעסאר? ער האט מיר דערציילט זיין געשיכטע.

„קיין ישראל פאר איך ניט דערווייל. כ׳וואלט געוואלט באזוכן די יידישע מדינה, אבער אפשר שפעטערצו. פון דער צווייטער זייט בין איך א גאנצער ייד. איך וועל ניט נאכריידן די אידיאטישע פראפאגאנדע, אז סיריע איז א דעמאקראטישע מדינה און ישראל איז א מדינה פון אימפעריאליסטן. דאס ניט״. . .

אזוינע יידן זיינען פאראן ארום דריי מיליאנען אין רוסלאנד. זיי ריידן ניט אלע אזוי קלאר ווי דער בארימטער פראפעסאר. ער האט מער פרעסטיזש און ווייניקער מורא. אבער זיי זיינען אלע אזוינע יידן. זייער יידישקייט איז תורה שבלב.

אין מאסקווע האב איך געזען, פרייטיק פאר יום־כיפור, א ריי מיט יידן, וועלכע האבן געקויפט אתרוגים ביים גבאי פון דער כארשול אויף ארכיפאווא גאס. זיי האבן געצאלט מזומן פאר די אתרוגים . .

ניט אלע דארפן אתרוגים דווקא. אין לאנדאן אדער ניו יארק וואלטן זיי זיך באגאנגען אן אתרוגים. אין מאסקווע איז עס זייער סימן פון אחדות ישראל און בייענקשאפט נאך ציון. דער אתרוג איז זייער יידישער פאספארט. מיר קויפן שקלים; זיי קויפן אתרוגים . . .

קיינער ווייסט ניט ווי לאנג עס וועט אזוי אנגיין. מיט דער צייט וועט די מאכט בלי ספק מאכן ווייטערדיקע קאנצעסיעס. זיי האבן שוין במילא אנערקענט ציון. ווארים מען קען נאר אנגעבן א ביטע צו פארן קיין ישראל, ניט ערגעץ אנדערשווו. אבער דערווייל האבן זיי נאך ניט אנערקענט אפן, אז מען קען זיין אסאוועטישער בירגער און גלויבן אין נצח ישראל אין דער זעלבער צייט.

דאס וועט נאך קומען. און אויב עס וועט זיך פארציען, וועלן די רוסישע יידןווארטן.

שאול טשערניכאווסקי

## אני מאמין

(יידיש פון מאיר גערטנער — איבערגעזעצט
אין הארציקער פריינטשאפט פאר א. נ. שטענצל)

לאך דו, לאך פון די חלומות,
וואס איך טרוימער זאג פון מיר;
לאך, דאס איך דא גלויב אין מענטשן גאר,
דאס נאך אלץ איך גלויב אין דיר,

דאס מיין זעל נאך אלץ זוכט פרייהייט;
נישט דעם גאלדקאלבס פרייז געמאכט;

דאס איך אויך נאך גלויב אין מענטשן דא,
און זיין גייסט גאר גרויסער מאכט.

פאלשע שטריק ווארפט אפ זיין גייסט איצט,
הויבט אים הויך ארויף אויפסניי;
ווערקמאן זאל ניט שטארבן פאר הונגער,
ברויט — דעם אר׳מען; די זעל — פריי.

לאך, דאס איך גלויב אויך אין פריינטשאפט
גלויב נאך צו אנטדעקן א הארץ,
הארץ וואס מיין האפן איז אויך זיין האפן;
וואס פילט גליק, פארשטייט אויך שמארץ.

אויך אין שפעטע צוקונפט גלויב איך,
ווען אויך ווייט איז יענע צייט —
קומען קומט זי — שלום־גריסן טראגן,
ברכות — פאלק פאר פאלק באריית.

בליען ניי וועט דאן אויך מיין פאלק,
און א דור גאנץ אויפגעריכט,
פריי אין לאנד פון זיינע אייזן־קייטן,
אויג־און־אויג וועט זען דאס ליכט.

לעבן און ליבן און ווערקן און ארבעטן —
און אין לאנד א דור וועט לעבן,
ניט אין צוקונפט בלויז — אין הימלען:
ניט געניג בלויז גייסט דערשטרעבן.

דאן א ניי ליד זינגט דער דיכטער,
שיינס, דערהאבנס זיין הארץ דערקוויקט;
אים, דעם יונגן דאן, פון מיין קבר
בלומען פאר א קראנץ מען פליקט.

## ב) לבן־האגדה (דעם מערכען־קינד: ט. הערצל)
פון שאול טשערניכאווסקי — א סאנעט

יידיש: מאיר גערטנער

די ביזט א ליד פאר אונז געווארן; אין טויזנט יארן איינס נאר;
עס זינגטס דאס פאלק ווי יום־טוב־תפילות אויסן תנך.



ווער וואלטס פארויסגעזאגט? פונם קעמערל אויף א דאך,
אן לופט און ליכט, א דונער־קול דערצייגן מיר דא גאר!

אט פון דעם הילכיקן קול דאס הארץ אונז שלאגט גאר מעכטיק,
א קראפטלאז הארץ אין אונז, פון יאוש שוין גאנץ שוואך.
פונם צויבערערס נבואה־ליד דערגריפן און וואך,
האט ס׳פאלק זיין טרוים־געוועב צוזאם־געפלאכטן גאר פרעכטיק.

דיין טויט — (בר־מזל! אין בעסטע יארן שטארבן, לעבן ניט ווייטער)—
האט דיך געאיילט צווישן דיינע ברידער פאר דער צייט;
ווייל אין דיין שעה א חלום־וואלקן דיך האט באשפרייט,

ביזטו געגליכן צו יענער פלאנץ פון פאר דער פרוכט:
נאר בלויז א ווארצל, הויך, גרין, מיט רייכער קרוין־פארב־לייטער,
נישט מער ווי מירע, היילגעווירץ און בשמים־צוכט.

מאיר גערטנער

## משה און האמער

דאס ציל פון יידישן לעבן: „א פאלק אליין",
ישראל אויסדערווילט צום פאלק פון גאט.
טראדיציע — איז אין גאטס דרכים גיין;
געשיכטע — ניט די וואס יעדע נאציע האט.

די פעלקער אבער, זייער גייסט און וועלט,
האבן ווערטן, שאפן קונסט, וואס מאכן ס׳לעבן רייך און שיין.
ישראל׳ס פרוכט די תורה; שם׳ס געצעלט —
נעמען אן יוון׳ס בלום, יפת׳ס שיינקייט און זיין חן.

אן אייביק דראמע שפילט זיך דאן צווישן זיי:
ישראל־יוון אין סתירה און פאריין —
ווען משה׳ס גאט, מיטן יידישן פאלק דערביי,

אינאיינעם מיט האמערס גויים־געטער שטיין.
און שאול טשערניכאווסקי אין עברית
באזינגט די סתירהדיקע בעלי־ברית.

— א סאנעט פון מאיר גערטנער

צו שאול טשערניכאווסקיס
100־סטן געבוירן־יאר.

מאיר גערטנער

# באמערקונגען צו די דריי לידער

## (א) אני־מאמין

—פינעף יאר פאר דעם ערשטן ציאניסטנקאנגרעס, אינגאנצן זיבעצן יאר אלט, האט טשערניכאווסקי זיין „אני־מאמין"־מאניפעסט געדיכטעט (1892). א פאר הונדערט יאר נאך דעם רמבם׳שן, דאגמאטיש־רעליגיעזן, אני־מאמין פאר יידן האט א יונגער, נאציאנאל־יידישער פאעט פארמולירט א נייע, רעווידירטע גירסא פון די מיטלעלטערליכע עקרים; א נייעם אני־מאמין.

— טשערניכאווסקיס ליד איז באגרינדעט אויף אכט היפטאידעאלן, אדער „חלומות", ווי ער רופט זיי. ער „גלויבט" אין דער פרייהייט פונם יחיד; אין דער פרייהייט פון דעם מענטשנס גייסט; און אין פערזענליכער פריינטשאפט גלויבט ער אויך. דריי גלויבנס. זיינע צוויי מענטשהייטס־אידעאלן זיינען: הומאנער סאציאליזם — „ווערקמאן זאל ניט שטארבן פאר־הונגער"; און אוניווערסאלער פעלקערפרידן — „שלום־גריסן . . . פאלק פאר פאלק". זיינע צוויי יידיש־נאציאנאלע אידעאלן זיינען: יידישע, פאליטיש־גייסטיקע, באפרייאונג און דערנייערונג — „בליען ניי וועט מיין פאלק. וועט זען דאס ליכט"; און יידישע צוריקקער צו דער נאטור — ווערקן און ארבעטן . . . ניט בלויז גייסט דערלעבן". צום סוף, ווי א קרוין פאר די חלומות, קומט די קונסט שטר, דאס „שיינע", די דיכטונג—„א ניי ליד זינגט דער דיכטער". פאר טשערניכאווסקין איז זיין גאנץ לעבן לאנג דאס אידעאל פונם ׳שיינעם׳ געווען דאס העכסטע פון העכסטן; די „שיינקייט" פון יפת, וואס אין די גלות־עפאכעס איז געווארן שוואך און שוואכער אינם „געצעלט פון שם". די מצוות, ווי דער שיר־השירים־מדרש זאגט, זיינען געען דעם יידס שיינקייט, ניט די קונסט. טשערניכאווסקיס חלום איז געווען ברענגען די קונסט צוריק צום יידישן שאפן. די קונסט, וואס ער האט באצייכנט ווי א „נטע זר", א פרעמדע פלאנץ אינם יידישן קולטורלעבן.

— מען קען ממש איפבויען א גאנץ לעבנספראגראם, פארן יחיד און פארן כלל, פארן מענטש און פארן ייד, פון די עקרים־פרינציפן, וואס דאס ליד אנטהאלט. אמת, די יידישע פאלקסטראדיציע און זיינע געשיכטע זיינען ניט אריינגעבויט אין דעם ליד ווי לעבענסיסודות. טשערניכאווסקי האט געליבט און געשאצט די יידישע געשיכטע און טראדיציע. אבער ער האט אויך געזינגען אין זיין „נטע זר", פון שנאה און חרפה לגבי „זייערע הייליקע טראדיציעס". אין זיין „פסל־אפולו"־געזאנג זיינען די תפילין־רצועות קייטן, וואס שוואכן אפ דעם פאלקסגייסט. אבער אין זיין „ברוך ממגנצה"־באלאדע „דערפרייט זיך דאס הארץ" מיט די רצועות־רימען פון די תפילין. אט זי



דאזיקע קולטור־סתירה איז א ריס, וואס האט געשפאלטן דאס הארץ פונם יידישן פאלק אין אונזער מאדערנער עפאכע. טשערניכאווסקי, ווי אן אמת׳ער אויסדרוק פונם נאציאנאל־גייסטיקן מצב, שפיגלט ווידער פאר אונז אין זיין פאעטיש ווערק דעם אי טראגישן אי פרוכטבארן ריס.

— א גרינטליכער אנאליז פון דעם אני־מאמין־ליד צייגט בפירוש אז דער היינטצייטיקער, העלעניזירט־דערצויגענער העברייאישער משורר האט זיינע „חלומות" געזינגען מיטן חינוך אין זיין זין און הארץ. דאס דאזיקע חלום־ליד אנטהאלט פאראפראזעס און פסוק־רמזים פון חומש, די נביאים, און פונם מיטלעלטערליכן סידור. דאס פארווארפן פון גייסט־פרעמדן מאטעריאליזם ווי א „גאלדן קאלב" איז א מאדערנער פירוש־רש״י צו דער חומש־דערציילונג פונם עגל־הזהב. די פאדערונג — „ברויט דעם ארימען, די זעל פריי", איז א פאראפראזע־פירוש פון די ישעיה־פסוקים, וואס מיר לייענען אין דער יום־כיפור־הפטורה: „אפברעכן פון דיין ברויט דעם הונגעריקן" דעם נביא׳ס „רצוצים־אונטערדריקטע", וואס מען דארף „ארויסלאזן פריי" דאס איז ביים משורר „די זעל", וואס דארף זיין פריי. אגב, די פריינטשאפט פונם „הארץ, וואס מיין האפן איז זיין האפן, וואס פילט גליק . . . און פארשטייט שמארץ", איז כמעט אן איבערגעחזרטע פארמולירונג פון דעם מאמר אין דער גמרא (בבא־בתרא ט״ז) וועגן חברשאפט, וואס דארף זיין ווי די פון די חברים פון איוב, זיי האבן, ווי רש״י זאגט, געפילט דעם פריינטס יסורים פון דערווייטנס. דעם דיכטערס גלויבן אין „שפעטע צוקונפט", וואס וועט „שלום־גריסן טראגן פאלק פאר פאלק" איז דעם נביא מיכה׳ס נבואה — „א פאלק קעגן א פאלק וועט ניט הייבן א שווערד" (ישא׳—ישא). דאס ליד איז א קארעקטור פון דער חומש־נבואה פאר רבקה׳ן. ביי איר וועט „איין פאלק זיין שטארקער — מלאום — פון א פאלק". אינם אני־מאמין, דא, וועט „טראגן ברכות פאלק פאר פאלק"—מלאום. א פאראפראזיש־פאעטישער משיח־מדרש. און טשערניכאווסקי האלט מיט דעם נביא חבקוק, אז אויב אפילו „ווייט איז יענע צייט" — בוא יבוא — „קומען קומט זי". א האפענונג אויך אויסגעדריקט אין אונזער סידור.

כאראקטעריסטיש איז דאס פארקניפן פון וועלטברידערשאפט מיט ציון־רענעסאנס — „בליען וועט דאן אויך מיין פאלק": יפרח. ממש — דעם נב״א הושע׳ס „יפרח". א מאדערנער עלעמענט איז דאס אידעאל צוריקציגיין צו לאנדארבעט — „ארבעטן, לעבן ניט בלויז אין הימלען, ניט בלויז גייסט". אזוי האבן די חז״ל געלערנט, און אזוי האט א. ד. גארדאן געפאדערט. און דאס זעלביקע קאן געזאגט ווערן פון דעם נביא׳ס און תהילים׳ס „שיר חדש", דעם נייען ליד. דארט א משיחס געזאנג; דא נייע קונסט און דיכטונג. מאדערנע אידעאלן ארויסגעטייטשט פונם תנך.

## (ב) דעם אגדה־זון

טעאדאר הערצל האט דעם בארימטן שפריך געזאגט: „אז איר ווילט

איז דאס ניט קיין מערכען״, קיין אגדה. דאס יידישע פאלק האט געוואלט, און מדינת־ישראל איז ניט קיין אגדה־מעשה. אבער דער טרוימער, הערצל הייסט דאס, איז געווארן אן אגדה־מערכען. כמעט א האלב יארהונדערט צוריק (1929) האט טשערניכאווסקי דאס געדיכט געשריבן. ער פארגלייכט הערצלען צו א ליד, וואס דאס פאלק זינגט „ווי יומטוב־תפילות״; און צו א גרינער בשמים פלאנץ: — „ביזט געגליכן צו יענער פלאנץ, גרין, ווי געווירץ אין בשמים״. רוחניותדיקע דרייהייט: קול, פארב, ריח. א דיכטערס פאטרעט.

הערצל איז דערשינען אומדערווארט, ווי א וואונדער — „ווער וואלט פאראויסגעזאגט״? דאס פאלק איז פון דעם „נבואה־ליד דערגריפן״ געווארן. עס האט דעם טרוימערס „געוועב פאר זיך „גאר פרעכטיק צוזאם־געפלאכטן״. אבער ער איז געווען, זאגט אים דער דיכטער, א „בר־מזל״, ווייל ער איז פרי געשטארבן — „פאר דער צייט״, יונג מיט א „חלום־וואלקן״ געקרוינט. בעסער יונג אין א בליענדיקן חלום, ווי אלט אין פארוויעגעטער דערניכטערונג. אזוי קאן נאר א דיכטער דענקען.

ווי א סך טשערניכאווסקי־לידער ענדיקט דאס הערצל־ליד מיט א מאטיוו פון נאטור־שיינקייט. מיט משלים פון פלאנצן און בליענדיקע בשמים־ביימע־משלים פון תנך, געזונגען מיט תנ״ך אין הארץ.

## משה און האמער

יהודה הלוי, אין מיטלעלטער־שפאניען, האט פארגליכן די יידישע טראדיציע צו א פרוכט; די גריכישע קולטור צו א בלום: אינהאלט אקעגן אויסזען. די גמרא אבער האט געהאלטן אז די שיינקייט פון יפת זאל וואוינען אין דעם געצעלט פון שם. הלל, פילאן און אנדערע האבן די צוויי וועלט־כוחות צוזאמענגעשמאלצן: א סתירה און א פאריין. אן איראנישע דראמע שפילט זיך צווישן די ביידע גייסטיקע קרעפטן. די דראמע שפילט זיך אויך אין טשערניכאווסקיס ווערק. ער איז ייד און גריך, העברייאיש און העלעניש. ביי אים וואוינען „משה און האמער״ אין איין געצעלט: פרוכטרייך און בלומענשיין.

ש׳ע טענענבוים

## וועגן א ווינטש־קארטע פון א פריינט

א פריינט האט מיר צוגעשיקט א ווינטש־קארטע מיטן איינדרוקספולער צייכנונג: איך קוק אויפן דאזיקן איידעלען ייד, וואס, אנטלויפנדיק מיט א מחנה יידן אין שטעטל, טוליעט ער הייס־און־הייליק צו זיין הארצן די גרויסע, פלאמיקע תורה, ווי א פאטער טוליעט פעסט צו זיך זיין געליבט קינד, וואס ער האט אפגעראטעוועט פון א שרפה, ער און די



הייליקע תורה זעען ביידע אויס ווי זיי וואלטן זיין אויסגעשמידט און צוזאמענגעשמאלצן אין איין געמיינזאמען גוס פון א גוף און א נשמה. ביידע, דער ייד און די תורה, זיינען פאריייניקט אין עפעס א מעכטיקער ליבשאפט דורך די דורות און פארקנופט אין דער אייביקייט . . .

## מיין בוך אויף דיינע קניען

מיין בוך האט געקראגן זין און שיינקייט אין דעם מאמענט, ווען דו האסט באוויליקט עס צו נעמען אויף דיינע פערלדיקע הענט. דו האסט עס פלוצלינג אנגעצונדן מיט דיין חן און חכמה. דו האסט עס געשאנקען א תיקון. מיין זאמלונג מיט מיניאטורן האט שטיל און שעמעוודיק געציטערט אויף דיינע צארטע קניען, און איך, דער באשיידענער מחבר, האב שטילערהייט מיטגעציטערט ווי א פארצייטישער ריטער, וואס רייט אוועק פונם היכל טורעם בשעת ער פילט אויף זיך דאס פייער פון אירע פארליבטע אויגן. . .

## ביי נאכט, בשעתן שרייבן

ביינאכט, בשעתן שרייבן, זע איך ווי דער פאספארישער ווייזער פונם ציפערבלאט אויף מיין זייגערל יאגט און לויפט, גאלאפירנדיק ווי א פלאמיק־באפליגלטער רייטער, מיט זיינע רגעס און מינוטן, וואס זיינען א טייל פון דעם ביליאנען־יאריקן עוואלוציע־מארש פון די שטערן און פון גאר דעם געטלעכן באשאף . . .

## אפילו אזא באנגע צייט גייט אויך אדורך

אנומלט האב איך געלייענט, אז געוויסע שטיינער אויף דער לבנה, ווי די וויסנשאפטלער זאגן, זיינען אלט גאנצע פיר און א האלבן ביליאן יאר. איך בין דערנאך געלעגן אויפן בעט אזא טרויעריקער, און איך האב אלץ נאכגעטראכט:

— אפילו אזא געוואלטיקע שטרעקע פון צייט איז אויך אדורכגעגאנגען! . . און וויפיל מענטשלעכע דורות, וואס האבן געוויינט און געלאכט און געלעבט, זי האט איינגעשלונגען . . .

לארד עדווין סעמיועל

## „ספעשיעל קעיטערינג״ — כשר עסן —

א טייל יידן ווילן מען זאל מיינען, אז זיי זענען גוים, אבער זער ווייניק גוים ציען פאר — אדער וואלטן אפילו געוואלט — מען זאל מיינען, אז זיי

זענען יידן. אוודאי, ווען איר רייזט מיט אל־על, קען אזא פראגע נישט אנטשטיין: עס איז אנגענומען, אז איר זענט א ייד, אפילו ווען איר זענט עס נישט. אלע באקומען כשר עסן, און מען מאכט קיין ווזן דערפון נישט.

אנדערע לופט־ליניעס אבער מוזן שוין זיין מער פארזיכטיק.

אויף יעדן עראפלאן, וואס פליט קיין ארץ־ישראל אדער פון דארטן אהער, זענען אנגעגרייט כשרע מאלצייטן פאר יידן, וואס פארלאנגט עס. אויב איר טראגט פיאות, א דיקע בארד, מיט א שטריימל, וועט די באדינערין, אן ספק, אייך דערלאנגען כשר עסן און נישט פרעגן קיין שאלות. אבער וואס איז מכוח יענעם פאסאזשיר דארטן, וואס זעט אויס ווי א ייד און איז מסתמא א קאטאליק פון אירלאנד — ווי קען זי זיך אן עצה געבן און זיך נאכצופרעגן? אויב זי פרעגט אים צי ער וויל א כשר מאלצייט, וועט ער גריילעך אריינפאלן אין א כעס און שרייען, „וואס, איך א ייד? איך בין סענאטאר קעלי א׳קאלאהאן פון באסטאן. איך וועל מיך באקלאגן אויף אייך ביי אייער גענעראל־דירעקטאר! א העזה דאס האט זיך“. כדי זשע אויסצומיידן אט אזעלכע אומאנגענעמלעכקייטן, האט מען אויסגעקלערט א ניי מיטל ווי זיך צו דערקונדיקן. די באדינערין רוימט דעם געגעבענעם פאסאזשיר אין אויער אריין אונטערטעניקסט מיט כמעט א קאנספיראטאריש קול, „ווילט איר אפשר ספעשיעל קעיטערינג?“ דער גוי וועט, מסתמא, נישט וויסן אין וואס עס גייט און וועט זיך אפזאגן, מיינענדיק עס וועט קאסטן עקסטרא. דער יידישער פאסאזשיר, פון דער אנדערער זייט, ווייסט דאך אין וואס עס גייט און אויב ער וויל עס, וועט זיכער זאגן, „יא ביטע“.

טרעפט עס דאך, אז געוויסע משפחות אין מערב־ענגלאנד, אפט פון ריין קעלטישן אפשטאם, וואס האבן נישט קיין טראפן יידיש בלוט אין זייערע אדערן, האבן אבער ביבלישע נעמען, ווארײאנטן פון אברהם, יצחק, יעקב יוסף, יהושע, ירמיה, שאול, דוד און שלמה. די מענטשן זענען שטאלץ מיט זייערע נעמען און וואלטן זיי נישט אויסגעביטן פאר קיין שום זאך אין דער וועלט. היות מען מיינט אזוי אפט, אז דאס זענען יידן, פארלירן זיי אלץ מער די געדולד מיט אנדערע. „איר׳ט שוין געזעען אזא חוצפה ביי יידן! זיי מיינען טאקע, אז די גאנצע ביבל געהערט נאר זיי!“

מען קען דעריבער נישט באשולדיקן בישאפס רייזע אגענטור פאר צושרייבן אט די מיסטעריעזע אותיות „ס.ק.“ נאך די נעמען פון זעקס זייערע קליענטן, וואס פליען ערשטע קלאס פון לאנדאן קיין דובלין. ווייסט דאך יעדער איינער אינם עראפלאנען־ביזנעס, אז „ס.ק.“ זענען די ראשי־תבות פון „ספעשיעל קעיטערינג“. אט די זעקס פאסאזשירן זענען: ארטור און עמי אייברעהעמס, אייווער און איילין אייזאקס, און דזשעימס און דזשענ־ דזשייקאבס.

מיט אזעלכע נעמען, וואלט איר זיי דען נישט געהאלטן פאר יידן? נו, זיי זענען עס נישט; זיי זענען בכבודע מיטליעריקע מעטאדיסטן, קרעמער אין סוואנזי, און יעדער איינער פארט מיט זיין אייגן ווייב. אלע זענען זיי



פארמעגלעכע מענטשן, אלע וואוינען זיי אין זעלביקן טייל פון דער שטאט, זענען זיך נוהג לויט א סדר צו שפילן וויסט־קארטן־שפיל אין זייערע הייזער יעדע שפייסענאכטס, און אפטמאל פארן זיי אפילו צוזאמען ארויס אויף פרישער לופט אין זומער. אלע האבן שוין דערוואקסענע קינדער, וואס א טייל זענען אויך שוין אויסגעגעבן, מיט קינדער אייגענע.

אט די דריי פארלעך זענען געקומען צו פארן מיט דער באן קיין לאנדאן, וואו זיי האבן ארויסגענומען עראפלאן־בילעטן ביי בישאפס רייזע־אגענטור אנשטאט זיי ארויסצונעמען ביי זיך אין סוואנזי. פארוואס? פשוט, עס איז זיי אזוי געגאנגען אין לעבן אפצוהיטן זייער שם, אז זיי זענען ריין פון זינד, אז זיי האבן זיך עס נישט געקענט ממש דערלויבן א רייזע־אגענט אין סוואנזי צו וויסן פונם פלאן זייערן צו פליען קיין דובלין צו די פערד־געיעגן און דערצו נאך אין א זונטאג. איר מעגט אייך דענקען, אז עס איז נישט מער ווי אן אומשולדיקער אויספלוג: איר האט דאך אבער נישט קיין שום אנונג פון דער מעטאדיסטישער עפנטלעכער מיינונג אין די פארשטעט פון סוואנזי.

הכלל, די דריי מענער געפינען זיך אין די שפעטע פערציקער אדער פריע פופציקער; די ווייבער זייערע מיט עטלעכע יאר יונגער. קיינער פון זיי זעט נישט אויס ספעציעל יידיש; נאר, פון דער אנדערער זייט, זעען זיי אויך נישט אויס ספעציעל ווי גוים. אלע מענער און איין פרוי האבן טונקעלע האר. איילין אייזאקס האט רויטע האר, בעת עמי אייברעהעמס איז אזא גלאנצנדיקע בלאנדינקע, אז מען מוז אייגנס גלויבן זי פארבט זיך די האר. די מענער טראגן אנצוגן פון א באשיידענעם שניט; די פרויען — זיידענע קליידער שאבלאן־ארטיקע. זיי זעען אויס פונקט וואס זיי זענען, זעקס באשיידענע מענטשן, וואס פארן קיין דובלין צו די פערד־געיעגן.

דאס זענען אויך די מערסטע פאסאזשירן, וואס פארן דעם פרימארגן מיט די אירלענדישע נאציאנאלע לופט־ליניעס. אט די דאזיקע קליינע לופט־געזעלשאפט נעמט זיך זער די מי נישט בלויז צו קאנקורירן מיט די גרויסע אמעריקאנישע, בריטישע, פראנצויזישע און האלענדישע עראפלאן־ליניעס, וואס באדינען דובלין, נאר אויך צו שאפן א ווארעמע און טראדיציאנעל אירלענדישע אטמאספערע אויף אירע עראפלאנען. אט דאס מערקט זיך באלד אין דער קליינער אפטיילונג ערשטע קלאס וואו דער נארמאלער אינטערנאציאנאלער אפמאך בנוגע דערלאזבארע צופוצונגען איז נישט חל. באלד נאך דעם ווי דער עראפלאן הייבט זיך אויף אין דער לופטן, סערווירט מען גאנץ גוטן שאמפאניער וויין, געהעריק געקילטן, מיט די „קאמפלימענטן פון דער אירלענדישער לופטפלי געזעלשאפט“. אביסל שפעטער דערלאנגט מען יעדן איינעם פאסאזשיר א גאלד־געליישטע שפייז־קארטע. אונזערע בעלי־בתים פון סוואנזי לייענען פארזיכטיק איבער די ליסטע מאכלים: גרעיפפרוכט אדער שרימפס־קאקטייל, געבראטענע קאטשקע מיט אוואקאדא־סאלאט, אויפגעבלאזענע געבעקס מיט קרעם, פארשיידענע קעזן, קאווע און ליקער. די פארדייאונג־זאפטן ביי זיי אין מאגן זענען שוין אנגערעגט.

די באדינערין, געקליידט אין א צייבערהאפט־גרינעם אוניפארם, קוקט איבער אויף א מאמענט דעם פלאן פון אירע פאסאזשירן אויף זייערע פלעצער און שעפטשעט ארטור אייבערהעמס, וואס זיצט הארט ביים אדורכגאנג, אין לינקן אויער אריין, „וואלט איר און אייער גרופע אפשר געוואלט ספעשיעל קעיטערינג? מען האט עס אנגעגרייט”. ארטור אליין איז א שטיקל פיינשמעקער, אויב נישט א שטיקל פרעסער, און איז גאנץ גרייט זיך צו לאזן פארוויינען, איבערהייפט ביי אזא געלעגנהייט. נאך אלעם, מען פאדערט דאך נישט קיין עקסטרא געלט פאר דעם דאזיקן ספעשיעל קעיטערינג, וואס דאס זאל נישט זיין. פאקטיש, שטעלט ארטור זיך פאר קאוויאר אלס א פארשפייזע און טרושקאווקעס מיט קרעם, זיינס א ליבלינג־מאכל, נאכן עסן. „יא, מיין טייערע,” זאגט ער, „פארוואס נישט?”

די באדינערין גיט אים א כיטרע שמייכעלע. אזוי ווי זי אליין איז קאטויליש, און באדינט א קאטוילישע לופט־ליניע, פילט זי זיך גליקלעך ווען יידן פירן זיך אויף ווי יידן און זענען שטאלץ דערמיט. עס גיט איר אויך א געפיל פון צופרידנקייט צו וויסן, אז אט די ליניע איז אויף אזויפיל טאלעראנט — א זאך, וואס מען קען נישט תמיד דערגרייכן אין אירלאנד. זי קערט זיך אום צום קעכל אירן און קומט פון דארטן ארויס מיט זעקס פלאכע טעקטור־שאכטלעך, איינס אויפן אנדערן, און שטעלט זיי אוועק פאר יעדן איינעם פון אירע ס.ק. פאסאזשירן מיט נייגיר באטראכטן זיי אט די שאכטלעך, וואס זענען פארחתמעט מיט באנדעראלן אויף אלע פיר זייטן. שכורלעך אביסל פון דעם שאמפאניער־וויין, באמערקן זיי נישט די אויפשריפט אויף יעדן באנדעראל: „גאלדבערגס כשר עסן” אונטער דער השגחה פון בית־דין און פון דער כשרות־קאמיסיע.” אלץ וואס יעדער איינער און יעדע איינע זעט, אין דעם נאמען זייערן אויפן דעקל, מיט א ווארנונג צו דער באדינערין: „בלויז דער פאסאזשיר מעג עס אויפעפענען”.

— „עס איז זער העפלעך, איך מוז עס צוגעבן,” באמערקט אייוואר אייזאקס, און אלע צוזאמען שטימען איין. דאס איז באמת גרויסארטיקע באהאנדלונג.

אייפברעכנדיק די באנדעראלן און אראפנעמענדיק די דעקלעך, אנטדעקן זיי אין יעדער שאכטל א קליין שטיקעלע אירלענדישע פוטער איינגעוויקלט אין זילבער־פאפיר, א קליין טעלערל מיט א קאלטן אמלעט א קליינעם, אויך איינגעוויקלט אין זילבער־פאפיר, דריי זיסע זעמעלעך, יעדעס אין א צעלולויד־קאנווערטל, א פארחתמעט, נאר רינענדיק טעפעלע טאמאטן־זאפט, און א קאלירט סערוויעטל.

ארטור אייבערהעמס גיט אקלונג מיטן גלעקל; די צייבערהאפט־גרינע באדינערין קומט — וואס איז דאס, א וויץ, הא? — פרעגט ער — וואס פאר אן עסן איז דאס?

— ס׳איז כשר עסן, צוגעגרייט ספעציעל פאר אונזערע יידישע פאסאזשירן.



— מיר זענען נישט קיין יידן!

— אבער ווען כ׳האב אייך געפרעגט צי איר מיט אייער גרופע וואלטן געוואלט „ספעשיעל קעיטערינג”, האט איר דאך געזאגט, אז יא.

— ווי, צום טייוול, האב איך געזאלט וויסן וואס „ספעשיעל קעיטערינג” באטייט? איך האב געמיינט עס באטייט קאוויאר אדער עפעס אזעלכעס.

— ס׳טוט מיר לייד, אבער אייער רייזע־ביורא האט אויסדריקלעך פארלאנגט „ספעשיעל קעיטערינג” פאר יעדן איינעם פון אייך.

— עס איז נישט זייער פארפלוכט געשעפט.

— ניין, געוויס נישט, מיין הערר.

— נעמט זשע שוין אוועק דאס מיסט און דערלאנגט אונז עפעס רעכטס אויף מיטאג.

— צום באדויערן, הערר, איז נישטא עפעס אנדערש. מיר פירן געקאכטע מאלצייטן בלויז פאר דער גענויער צאל פאסאזשירן אויפן מאניפעסט, אבער איך קען אייך געבן געוויסע מאכלים, וואס מיר פירן פאר א נויטפאל. מיר האבן קאנדענסירטע מילך, ביסקוויטן, קאנצענטרירטן פירות־זאפט . . .

די סוואנזי־גרופע איז געווען אויסער זיך פאר כעס. נישט קיין מיטאג! דאס אבער איז בלויז געווען די התחלה פון זייערע צרות. זיי האבן נאך געהאט צו רעכענען מיט ווילי גאמבל, דעם פאטאגראפיסט אויפן לאנדאנער לופט־פארט. נו, די אויפגאבע פון אן אפיציעלן לופט־פארט פאטאגריפיסט איז דאך צו האלטן אן אויג אויף די פאסאזשירן־ליסטעס צי עס געפינען זיך אויף זיי וויכטיקע פערזענלעכקייטן, וואס מען דארף זיי פאטאגראפירן; איבערהויפט פילם־סטארס, וועלכע זאלן פאזירן מיט בוקעטן בלומען אויבן אויף די טרעפ. וואס פירן אראפ פונם עראפלאן, לויט ווי זייערע אגענטן האבן אויסדריקלעך אויסגענומען אינם קאנטראקט. דער פאטאגראפיסט פארקויפט דערנאך קאפיעס צו אט די וויכטיקע פערזענלעכקייטן ווי אויך צו דער לופט־ליניע, וואס נוצט זיי אויס צו רעקלאמע־צוועקן און, פארשטייט זיך, אויך פאר די צייטונגען.

ווילי גאמבל איז א געשיקטער יונג, וואס קען זיך אויס מיט אלע צייטונגס־רעפארטערן, וועלכע פארנעמען זיך מיט די אינטערוויוס: „לויט מיין מיינונג, זענען אייערע פאליציסטן אויסגעצייכנט” און ענליכע טפשות. ר׳איז תמיד גרייט צו געבן א ווינק יעדן פרעסע פארשטייער ע ר באגעגנט צופעליק ווען עמיצער פון ספעציעלער וויכטיקייט געפינט זיך אין טראנזיט. און זיי טיילן זיך אלעמאל מיט זייער אינפארמאציע מיט אים.

די איילעניש אויפן לופט־פארט דעם פרימארגן איז אבער אזוי גרויס, אז קיינער האט נישט קיין צייט צו כאפן א בליק אויף דער פאסאזשירן־ליסטע פון דער אירלענדישער לופט־ליניע, איידער דער פלי 171 גייט אפ. ערשט ווען דער עראפלאן איז שוין רעכט איבער וואליען כאפט ווילי גאמבל א בליק אויפן מאניפעסט פון טאג און זעט עפעס נשתוממדיקס. דא געפינען זיך די נעמען פון די דריי בארימטסטע יידישע ביזנעסלייט אין מלכות־ענג־

לאנד—סיר אייבערהעם אייבערהעמס, סיר אייזאק אייזאקס און סיר דזשייקאב דזשייקאבס, דער לעצטער א מולטי־מיליאנער. קלאר, אז דאס פארן זיי צוזאמען מיט זייערע פרויען צו די פערד־געיעגן אין דובלין. ס׳איז אויך קלאר, אז זיי באנוצן זיך מיט אביסל געענדערטע נעמען אויף דער פאסאזשירן ליסטע, כדי צו פארבלייבן אינקאגניטא.

— הער נאר דו, דזשימי — רופט ווילי גאמבל דעם רעפארטער פון דעילי רעקארד. — האסט געזעען סיר אייברעהעמס, סיר אייזאק און סיו דזשייקאב אדורכגיין? זיי געפינען זיך אויפן אירלענדישן עראפלאן, וואס איז האלב איינס אפגעפליגן קיין דובלין.

— מיין מזל נישט צו האבן זיי באמערקט.

— יא, יא. זיי האבן זיך, זעט אויס, אדורכגעגנבעט אויף די פערד־געיעגן קיין דובלין. ס׳איז א סענסאציאנעלע ידיעה פאר אייער מענטש דארטן.

— א דאנק דיר טויזנט מאל, ווילי. דאס נעכסטע מאל וועל איך טון דאס זעלביקע פאר דיר. — דער רעפארטער האט געטון א לויף־צו צו טעלעפאנירן צו זיין ציישונגס־ביורא דירעקט קיין דובלין, היות די צייט איז געווען אזוי קורץ. אין א שעה ארום קומען זיי דאך אן.

הכלל, דעם דעילי רעקארדס פארשטייער אין דובלין איז אן אלטער אין העכסט דערפארענער ציישונגס־מענטש. ווייסט ער דאך, אז נייעס ווערן וויכטיק אלס פועל־יוצא פון דער וויכטיקייט, מיט וועלכער מען קען קינסטלעך פארבינדן די נייעס. דא געפינען זיך דריי יידישע ביזנעס־מאגנאטן אין דובלין אויף די פערד־געיעגן: ס׳לוינט זיך קוים צו טעלעפאנירן לאנדאן וועגן דעם. אבער אויב מען וועט קענען באוועגן די יידישע קהלה אין דובלין צו שיקן א דעלעגאציע זיי אויפצונעמען מיט א ברוכים־הבאים, וועט עס שוין זיין אן ענין פאר דער דזשואיש קראניקל און אפילו פאר די גרויסע טעגלעכע ציישונגען—פאר דעם דעילי רעקארד, למשל, די לייענער זיינע זענען מערסטנסטיילס פרויען, וועמען יעדע ידיעה וועגן סיר אייברעהעם באצויבערט ממש—מיט זיינע געשעפטן פון פוטער־עמאנטלען—סיר אייזאק—דעם הוט־הענדלער אין בילדער פון די גרויסע מייסטערס—אדער סיר דזשייקאב — מיט זיינע בארן פון געררויכערטן לאקס איבער אלע בריטישע אינזלען —.

בשעת דער אירלענדישער עראפלאן לאזט זיך אראפ אויפן דובלינער לופט־פארט,ווארט שוין די גיך צונויפגערופענע דעלעגאציע אויף אונזערע פריינט פון סוואנזי. דריי קליינע מיידעלעך פארנייגן זיך און שענקען בוקעטן בלומען דער ליידי אייברעהעמס, דער ליידי אייזאקס און דער ליידי דזשייקאבס. ווען אמתע אירלענדישע גאסטפריינטלעכקייט פאראייניקט זיך מיט אמתער יידישער גאסטפריינטלעכקייט,, איז דער רושם דעמלט שוין טאקע געוואלטיק. די געסט פון סוואנזי זעען גלייך איין וואס עס איז דא ווידער געשעען, זיי זענען אבער צו העפלעך צו צעשטערן אזוי ברוטאל די אילוזיע. גיך שטייגן זיי איין אין די ראלס־רויס לימוזינען, וואס ווארטן שוין אויפן



פאדער־פלאץ, אפצופירן די אנגעזעענע געסט אין גראנד אימפעריאל האטעל אריין אין שטאט. אגב געהערט אט דער האטעל צו יידן. דארטן האט מען שוין אנגעגרייט רייען צימערן פאר יעדן פון די דריי פארלעך בחינם. — מיט א מין נצחון־געפיל האט דער מענעדזשער טעלעפאנירט אין ראיאל אירע האטעל אריין און בטל געמאכט די איינמעלדונגען דארטן מצד בישאפס רייזע אגענטור —. אין יעדן סאלאן גריסט די געסט פון סוואנזי א קויבערל פירות איינגעהילט אין צעלולויד. יעדעס קויבערל איז פארזעען מיט א באגריסונגס־קארטע: „פון מר. דזשאזעף קראנקאוויטש, דעם מענעדזשער“. אזעלכע אנגעזעענע געסט וועלן זיכער געבן גרויסע רעקלאמע זיין האטעל ווי נאר די יידישע קהלה אין גרויס־בריטאניען וועט זיך דערוויסן פון זייע וויזיט. מר. קראנקאוויטש קען זיך קוים איינהאלטן פאר אומגעדולד צו זעען דאס באשריבן אין דער דזשואיש קראניקל.

— דאס איז שוין גארנישט שלעכט, הא, דזשעני? — זאגט דזשיימס דזשייקאבס צו זיין ווייב בשעת זי באקוקט אזוי די געצירטע געוועגדער פון די האכצייט־צימערן.

— דאס אלץ וועט אונז אנמאכן א גרויס לאך אין קעשענע. בעסער בעט ביים מענעדזשער עפעס בילקערס.

דער מענעדזשער דערשיינט, איבערפולט מיט שטאלץ זיך צו געפינען איינגס פנים־אל־פנים מיט סיר דזשייקאב דזייקאבס, וועמעס געררויכעטער לאקס־באר מאכט אזא קאפיטאלן האנדל זינט מען האט אים געעפנט אין גראפטאן סטריט פאראיארן.

— נישט געזארגט, סיר דזשייקאב, — זאגט דער מענעדזשער. — ס׳איז שוין אלץ באזארגט.

— נו, גוט. מיר וואלטן אבער געוואלט האבן עפעס צו עסן. די מאכלים אויפן עראפלאן האבן אונז נישט געשמעקט.

דער מענעדזשער גיט א דרוק א קנעפל און דער הויפט־קעלנער, וואס האט שוין געווארט מיט אומגעדולד אויפן קארידאר, שטופט אליין אריין א ראלטישל, באלאדן מיט א העכסט פרעכטיק מאלצייט — געבראטן רינדערנס, אנאנאס, און אייסגעצייכנטן פראנצויזישן ווייז — אלץ וואס איינעמס הארץ קען נאר גלוסטן — און אלץ שטרענג כשר, פארשטייט זיך.

א שעה שפעטער דערשיינט ווידער דער ראש פון דער דעלעגאציע אויפן לופט־פארט און ווענדט זיך צו סיר אייברעהעם, סיר אייזאק און סיר דזשייקאב, וואס זיצן אלע איצט צוזאמען אין איין סאלאן און רויכערן זייערע קאראנא ציגארן — „מיט די קאמפלימענטן פון מר. דזשאזעף קראנקאוויטש, דעם מענעדזשער“—.

— דזשענטלמען, ביטע מיינט נישט אפילו אויף איין רגע, אז מיר זענען, חלילה, געקומען בעטלען ביי אייך. אינזערע זאמל־אקציעס זענען שוין לאנג געענדיקט און דער חוב אויף דער שול איז אויך שוין באצאלט.

— מר. אייזאקס שעפטשעט זיך איבער מיט מר. דזשייקאבס, — מאדנע,

ווי דא אין אירלאנד זאגן זיי שול ווען זיי מיינען סקול, הא?—

— מיר וואלטן אבער זער געוואלט איך האבן ביי אונז אויף מנחה־מעריב.

— עפעס א פרייזן־פארטיילונג, שטעל איך מיר פאר — שעפטשעט מר. דזשייקאבס צו סיר אייזאקס —.

אזוי גייען זיי טאקע צו דער „סקול“, און געפינען אויס, אז מען פירט זיי גאר אריין אין פאדער־זאאל פון ק״ק דובלין שול. מר. אייבערעהעמס כאפט אן דעם אקס ביי די הערנער: ער וויל נישט מען זאל פון דעם ענין מאכן א וועזן, ווארום די ידיעה פון זייער פארן קיין דובלין אין א זונטאג קען נאך דערגרייכן די צייטונגען אין סוואנזי און זיי וועלן ווערן א לייטיש געלעכטער אפילו ביי זייערע פריינט.

— זעט — זאגט אייבערעהעמס צום פארשטייער פון דער דעלעגאציע — איך מוז מיך פאר אייך מודה זיין. א מיספארשטענדעניש איז דא פארגעקומען. עס האט זיך אנגעהויבן נאך אויפן עראפלאן. מיר זענען נישט די מענטשן, וואס איר מיינט. עפעס האט איר אייך טועה געווען, מיינענדיק, אז מיר זענען סיר אייבערעהעם אייבערעהעמס, סיר אייזאק אייזאקס און סיר דזשייקאב דזשייקאבס, מיר זענען עס לחלוטין נישט!

— איר זענט עס נישט! טא, ווער צו אלדי רוחות זענט איר? מיר זענען געווען זיכער, אז איר זענט אהערגעקומען אין געהיים, כדי צו מאכן עפעס א גרויס מסחר.

— גארנישט קיין מסחר. פאקטיש זענען מיר גארנישט קיין יידן.

— נישט קיין יידן? און מיט אזעלכע נעמען? אוממעגלעך! — דער פארשטייער פון דער דעלעגאציע לייגט נאך פארזיכטיק צו — איר זענט נישט אמאל קיין גרים, הא?

— ניין, מיר זענען מעטאדיסטן פון דורות, געקומען אהער פון סוואנזי אויף די פערד־געיעגן, צום טייוול, מען האט אונז אלעמאל אנגענומען פאר יידן. נאר עפעס אזעלכעס האט קיינמאל נאך אונז נישט פאסירט. מיר געפינען זיך באמת אין א קלעם, נישט? אבער ביטע מאכט נישט קיין וועזן דערפון: דעריבער האבן מיר באשלאסן מיטצימאכן די גאנצע זאך, אויב איר וועט אונז צוהעלפן.

— איר זענט ווארילע מענטשן, כ׳מוז עס מודה זיין. אויך מיר ווילן נישט מאכן קיין ווען דערפון. נישט בלויז וואלטן מיר געווארן א לייטיש געלעכטער אין דובלין, נאר אין אלע יידישע קהילות אין דער גארער וועלט וואלט מען געלאכט פון אונז אויב די פרעסע וואלט געמאלדן פון אט דער מיספארשטענדעניש.

— אבער מיר וויסן דאך נישט ווי זיך צו פארהאלטן. דאס איז דאס ערשטע מאל אין אונזער לעבן אז מיר געפינען זיך אין א סינאגאגע, אפגערעדט שוין פון ביייוואוינען א יידישן גאטעסדינסט.

— ס׳וועט שוין אלץ זיין אין ארדנונג. מיין ווייב ווארט שוין ארויפצופירן די דאמעס אין דער עזרת־נשים. איך וועל דערווייל כאפן א ווארט



מיט איר און איר דערציילן וואס דא האט פאסירט.

די דריי מענער פון סוואנזי ווערן געבעטן צו האלטן דעם קאפ פארדעקט בשעת זיי גייען אריין אין שול און מען גיט זיי ערטער צו זיצן אויבנאן, וואו די פרנסים זיצן. דער פארשטייער פון דער דעלעגאציע מעלדט דעם רב און דעם חזן, אז די דריי בארימטע לייט געפינען זיך אין דובלין אינקאגניטא, וואס רופט ארויס א טיף באדויערן ביי די כלי־קודש, און מען זאל דעריבער זיי נישט אויפרופן. — דער רב און דער חזן באמיען זיך אומזיסט פארצושטעלן בשעתן גאנצן דאווענען אין וואס פאר א גרויסן מסחר עס גייט דא, צוליב וועלכן די דאזיקע מעכטיקע דריי זענען געקומען קיין אירלאנד אויף אזא געהיימניספולן אופן.

די געסט פון סוואנזי, סאי אויבן סאי אונטן, זענען זער פאראינטערעסירט אין אלעם דעם, וואס זיי זעען — פתיחה און דאס ארויסנעמען די ספרי־תורה און ווי דער עולם דאווענט מיט.

— זיי קענען זיך גוט אויס אין זייערע סידורים. כמעט ווי אין א דארף פון קוילן־גרעבער אין וואליען — זאגט מיסיס דזשייקאבס צו מיסיס אייזאקס אויבן אין דער ווייבער־שול.

— יא, און איך מוז צוגעבן, אז זיי האבן עס זער גוט אויפגענומען ווען ס׳איז קלאר געווארן ווער מיר זענען.

— זיי זענען גארנישט אזוי שלעכט ווי איך האב מיר תמיד פארגעשטעלט, זאגט מיסיס אייבערעהעמס.

הכלל, וויאזוי ענדיקט זיך די גאנצע מעשה? ס׳ענדיקט זיך דערמיט וואס די יונגערע טאכטער פון דזשיימס און דזשעני דזשייקאבס פארלאבט זיך מיט אן אמתן יידישן בחור, וועלכער הייסט דזשא איזראעלס. ער האט א געשעפט צו פארקויפן מאטאר־באשטאנדטיילן, מיט גאנץ גוטע אויסזיכטן. דאס מיידל, דזשעניפער, קען זיך גארנישט אפוואונדערן וואס אירע עלטערן שטעלן נישט קיין ווידערשטאנד צום שידוך. אלע דריי ווערן איינגעלאדן צו דזשאס מאמע, די אלמנה, אין שטוב אריין.

— מיר מאכן די אויפנאמע — זאגט דזשעני, היות מיר זענען די עלטערן פון דער כלה. נאר זאגט מיר, מיסיס איזראעלס, ווייסט איר פון עפעס א גוטער פירמע דא אין סוואנזי? כ׳וויל ס׳זאל זיין „ספעשיעל קעיטערינג“.

**א. אלמוג**

פון ענגליש איבערזעצט

א. נ. שטענצל

## מיין ערשט ביכעלע געדרוקט אין ווייטשעפל

— נאוועמבער, 1936 —

ס׳איז שוין געווען א גאנצע וואך זייט כ׳האב געוווסט, אז איך מוז

אוועק פון דאנען, ד. ה. א פערטל פון די דרייסיק טעג פון מיין וויזע־דערלויבעניש צו לעבן אין לאנדאן, און איך האב אפילו נישט קיין טראכט געטון דערפון. איך בין געווען פארטון מיט מיינע סאנעטן איבער לאנדאן — איבער דעם וואונדער פון א כרך נישט משיג צו זיין. אפגעלייגט אלץ אויף מארגן — כ׳וועל דאך עפעס מוזן טון דערצו. אבער עס האט צייט — דאס געזעענע, דער וואונדערלעכער ארום, שטייט דאך אויף קיין רגע נישט איין. מיט מיליאנען רעדער לויפט עס, מיט עראפלאנען־פליגל איבער קאפ פליט עס אוועק — ווי א וואונדער־פויגל מוז מען עס כאפן.

ס׳איז א וואונדערלעכער סוף־נאוועמבער טאג, וואס נאר אין פאגיקן לאנדאן קאן זיך אזוינסט באווייזן.

דערווייל, היינט לאמיך נישט טראכטן דערפון! עס איז א זון־צעשטראלטער זונטאג, א מנוחהדיקער, און איך לאז מיך פון מיין האטעל אין דער וועסט־ענד קיין ווייטשעפל נהנה צו זיין פון היימישן, יידישלעכן טומל, אפשר טרעפן א באקאנטע אין ארבעטער־רינג.

ווען כ׳בין געקומען אינם ארבעטער־רינג געסל, א שטיל׳ס, אויף דער אנדערער זייט פונם ליין־גערודער און מארק־געטומל, איז עס עפעס געווען ווי כ׳וואלט אריין אין א שול־געסל. איז עס אפשר געווען די אסאציאציע, וואס פונקט קיגנאיבער ארבעטער־רינג שטייט טאקע א שול מיט גרויס־יידישע אותיות אדער איז עס געווען דאס מנוחהדיקע גיין פון אייסגעהארעוועטן מענטש, שבתדיק אנגעטון צו זייער מקום־קדוש?

צום פינף־שטאקיקן הויז, ברייט צעשטעלט, מיט צעפראלטע פענסטער, וואס א גערויש קומט ווי פון א בינשטאק.

אריינקומענדיק אינם קארידאר אריין — א געלויף, א טומל פון יינגלעך און מיידלעך איבער אלע שטאקן. א געגליטש פון די יינגלעך אויף די פארענטשעס פון העכסטן שטאק ביז אראפ —

דאס זיינען געווען די קינדער פון דער יידישער שולע. ס׳איז פונקט געווען „טי־טיים“, און די פרויען פון דער פרויען־סעקציע האבן געטראגן טיי־טאצן ארויף אויף די העכערע שטאקן, וואס אין די זונטאג־טעג זיינען די אלע שטאקן פארוואנדלט געווען אין שול־קלאסן.

בין איך מיט־ארויף ביז צום פינפטן שטאק — א באגייסטערונג אין דעם צעקאכטן טומל איז כאטש לאז דיך מיט־אראפ אויף אזא פארענטש אין ווייז אייך וואס דו קענסט . . . דערזע איך א קענטיק פנים, געזעען עס, מסתם, אין די אנהייב צוואנציקער יארן אין בערלין אין דער יידישער סטודענטן־היים, אין „שלום־עליכם־קלוב“.

עס איז געווען נאטאני, דער מנהל, דער דירעקטאר פון דער שולע. ער האט מיך אויך אביסל דערקענט און איך האב מיך שוין מיט חברה שוין נישט אראפגעגליטשט, נאר געזעסן סטאטעטשנע אין היימישער נאנטקייט צוזאמען מיט אלעביים טיי־טיש, א יום־טובדיק־צוגעגרייטער פון די חברטעס פון דער פרויען־סעקציע.



מ׳האט מיך פארגעשטעלט פארן עולם קליינוואַרג! איך וואלט אויך דא געמוזט דערמאנען די אלע טוערס און לערערס, אבער מיין כוח השכחה איז שוין אזוי גרויס, אז כ׳פארגעס צומאל מיין אייגענעם נאמען. נו, וועל איך ווייטער אנגיין על־רגל־אחת, כדי די שורות דא זאלן כאטש אויפגעשריבן ווערן.

די צוויי נעמען געדענק איך פון דעמלט, חבר אדאלף און חבר עלעק. חבר אדאלף האט אין זיין גאנץ געשטעל אויסגעזעען ווי א הייליקע בריאה און חבר עלעק איז עס אויף זיין אופן געווען. אין יענעם נאכמיטאג האב איך אנגעשריבן דעם סאנעט און זייערע נעמען זיינען אויף דעם סאנעט געווען אויפגעשריבן —

א שוסטער־יונג פון דער היים, א יונג ווי א כלאפ,
מיט אפאר הייסע סמאלע־אויגן, וואס גליען,
מיט אפאר פעסטע ידים דראטווען צו ציען,
כאטש פון דער טשופרינע פון אייגענעם קאפ.

א, איז דאס געווען אמאל א טשופרינע!
א לייבן־גריווו יעטוועטער קענזשער־לאק,
א טרייסל צו טון מיט איר ווי מיט א גלאק,
ווען צעברענט ס׳האט זיך אין אים ערלעכע שנאה.

„בראטשע, ברודער! ס׳איז אונזער פראצע!“
א, איצטער נאך איז צענעפלט זיין גלאצע
מיט מארקס, קראפאטקין, מיט לענין דעם בר־נש:

„אונזער וועלטל מ׳מוז עס אויף דער קאפיטע נעמען,
אזוי צווישן פעסטע קני זי ארייננקלעמען,
ווי אן אויסגעדרייטן, אלטן קאמאש“.

אראפגעקומען פון דער שולע, בין איך שוין געבליבן ביי חבר יאזעפס טישל, און ביים טישל האט זיך צוגעזעצט חבר עלעק, איינער פון די לערער.

אזוי ווי זיי האבן געהערט פון מיר, אז אין דריי וואכן ארום פאר איך אפ פון דאנען, האבן זיי באשלאסן, אז מארגן, ד.ה. מאנטאג־אוונט אכט אזייגער זאל איך לייענען מיינע לידער אויבן אין דער „לייברערי“. זיי וועלן תיכף איצט אויפקלעבן א מודעה מכוח דעם און אויך עס אויסרופן היינט אין אוונט אין זאאל אויף דער לעקציע.

כ׳האב געהערט „א זאאל“, „א לעקציע“, בין איך געווארן נייגעריק אויף ביידע, זעען דעם זאאל און הערן די לעקציע; און בלייבן שוין דא דעם גאנצן סאוונט.

די לעקציע איז געווען איבער דער מלחמה אין שפאניען.

בשעת דער הפסקה, נאכן אויסרופן מכוח מיין לייענען די לידער

דינסטאג אין אוונט, איז צו מיר צוגעקומען א מענטש, מיט אלע מאניערן פון קארעקטקייט, און זיך פארגעשטעלט: „פאלמע“. — ער איז א יידישער פאעט און אויך א לערער אין דער שולע. ער האט מיך טאקע איבן געזען ביים טיי.

זיין קארעקטקייט און אפיציעלקייט האבן אביסל געשטערט מייןענטוזיאזטישקייט ביים טרעפן „א קאלעגע“, ווי ער האט איינקע מאל באטאנט מיט גרויס זאכלעכקייט.

טראץ זיין קארעקטקייט און „קאלעגיאלע“ זאכלעכקייט, האב איך אים פארגעשלאגן: „אפשר וואלטן מיר זיך היינט אוונט דא ארייגעשלעפט אין די וויטשעפלער רעסטאראנדלעך — זיך פאהאלוגייעט?“ האט ער מיר נאך זאכלעכער דערקלערט, אז ער מוז פרי אויפשטיין צו דער ארבעט. ער איז א „מאשינער“ און אזוי ווי מיר שטייען און שמועסן, איז דער רעדנער צו אונז צוגעקומען און אזוי ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ער פארט אהיים מיט מיר אויפן זעלבן „בוס“, וואס איך, טא וועלן מיר טאקע צוזאמען אהיימפארן.

אזוי ווי דער רעדנער איז געווען א באקאנטער ארבעטער און קולטורטוער און דערצו נאך אן אדוואקאט, האב איך אים דערציילט פון מיין „קייס“.

„נו, האט ער געגעבן א פאטש מיט זיינע צוויי הענט א באגייסטערטער און נאך מער א דערפרייטער, ווי ער וואלט זיך אליין אפלאדירט . . . „איר פארט נאך די וואך אפ קיין שפאניען — אויסגעצייכנט! עס גייט די וואך אפ א פארטיע אין דער בריגאדע אריין“.

אזוי ווי ער האט ביי דער קומענדיקער האלטע־שטעלע געמוזט ארויס, האט ער צוגעגעבן: „מארגן צווישן צוועלף און איינס אזייגער טרעפן מיר זיך אויף דעם אדרעס“, און מיר שנעל און נאך אלץ א באגייסטערטער דערלאנגט אן אנגעשריבן צעטעלע.

דער אדרעס איז געווען אויף פליט־סטריט, אין אפיס פון „מארגן־זשורנאל“ פון אמעריקע. היות מיטן מארגן־זשורנאל בין איך געווען א שטיקל מחותן; מיט פערצן יאר פריער האב איך דארטן געדרוקט מיינע ערשטע לידער און מיין גרעסערע דערציילונג, „אין שניט־צייט“, האב איך עס געהאלטן פאר א שטיקל גוטן סימן, און נערוועז אפגעווארט די שעה פונם ראנדעוואו אין פליט־סטריט אפיס פונם מארגן־זשורנאל, איינס אזייגער.

געניג מיך אנגעשפאצירט אויפן ברעג פון דער טעמזע, געפרואווט א סאנעט צו שרייבן, אבער ס'איז דאך נישט געגאנגען. האב איך מיך אנידערגעזעצט אויף א באנק און געפרואווט צונויפשטעלן מיין פראגראם אויף היינט ביינאכט. איך האב דאך אין מיין בוזעם־טאש געהאט נישט נאר די שוין אנגעשריבענע פאר סאנעטן, נאר אויך די צוויי גרעסערע טרילאג־



יעס: איינע, די שוין אנאנסירטע אויפן לעצטן בלעטל פון מיין „אינדערהיים“ — דאס לעצטע ביכל מיינס ארויסגעגעבן אין בערלין, אין יאר 1936. „משה מאץ, יאשקע בעל־מום און דער פרעסער“ און דעם „טריפטיכאן“, ווי כ'האב עס אנגערופן — „די לעצטע נאכט“. שוין ביים ארויסנעמען די צוויי זאכן, נאך איידער זיי צו לייענען, האב איך באשלאסן: טאקע די ערשטע זאך. ס'איז דאך אין אן ארבעטער־רינג און דאס איז דאך ממש א פראלעטארישע זאך. אבער תוך כדי דעם באשלוס האב איך באשלאסן, אז די צווייטע זאך מוז איך נאך דעם מנוחה־חודש ארויסגעבן. ווארום ווער ווייסט מה יליד יומו, וואו איך וועל פארווארפן ווערן און וואס מיט מיר וועט געשעען; און די זאך איז דאך נישט נאר פאעזיע. געשיקט אין דער אייביקייט אריין, נאר אינטים צו א מענטש, וואס כ'בין אים שולדיק א דאנק; אויך אז איך בין איצט דא און נישט געבליבן אין די הענט פון די היטלער־יונגען דארטן אין בערלין.

איי דאס געלט דעם דרוקער צו באצאלן — עס וועט זיך שוין באוויזן.

און אומר ועושה! נאך געהאט א גאנצע שעה צייט צום „ראנדעוואו“, בין איך אהין צו דער דרוקעריי, פון וועלכער כ'האב שוין געהאט דעם אדרעס, אין א געסל אין ווייטשעפל; און אפגעמאכט, אז פארן 30סטן דעם חודש מוז דאס ביכל זיין פערטיק.

און דאס זיינען די צוויי ווידמונג־סטראפעס צו דער פאעמע, „די לעצטע נאכט“, געשריבן אין מיין לעצטער נאכט טאקע אין בערלין, דעם 17טן נאוועמבער, 1936, און געדרוקט אין 1936.

„וואוהין זאל איך מיך ראטעווען, מאנדאלענע,
אז אומעטום נעם איך מיין הארץ מיט מיר מיט!
א, צעטרעטן ווערט עס וואוהין נאר איך קום,
אונטער בארוועסן ציטער פון אייגענעם טריט.

אין יעדן הארץ וויל איך מיך ראטעווען, מאגדאלענע,
און אין דיינעם צומאל געפין איך נישט קיין רו!
א, האב רחמנות אויף מיר, זיי מיר מוחל,
אפשר איז עס ערשט דער טויט וואו מענטש געפינט זיין רו“.

ווען כ'בין ארויפגעקומען אין אפיס אין פליט־סטריט, האב איך שוין געטראפן דעם נעכטיקן רעדנער מיט נאך אנדערע צוויי — דער צווייטער איז געווען דער בעל־האפיס און דער דסריטער — מיט א גויש פנים — זייערע פנימער האבן אויסגעזעען ווי נאך א גוט אפגעמאכטן מסחר — ווי די ברידער האבן אויסגעזעען ווען זיי האבן ארויסגעצויגן יוסף פון גרוב — עפעס האט דער גאנצער עסק געפאסט צו רומ"ל . . . איך בין אבער נישט געגאנגען אנגעטון אין קיין כתונת־פסים . . .

אונזער „ראנדעוואו“ האט זיך גיך אויסגעלאזט, אז מארגן אין דער

זעלבער צייט זאל איך צוריקקומען און זאגן א תשובה.

ווען איך בין שנעל אראפגעלאפן פון די שטיגן, האב איך געטראכט: דער בעל־הואפיס דא איז אייך געזעסן אויפן דריי־בענקל פונקט אזוי ווי יענער פראפעסאר, וואס האט מיר געמאכט דעם פארשלאג מיך צו ווארפן אין דער טעמזע אריין.

מיט איין אטעם האב איך מיך טאקע געלאזט צו דער טעמזע, וואס איז געווען פון דארטן נאר איין געסל זיך ארונטערצודרייען — מיך געזעצט בהרחבה אייף א באנק טאקע ווי צו אן אמתן ראנדעוואו, און אנגעשריבן מיין צוויי און צוואנציקסטן לאנדאנער סאנעט — די פופציק לאנדאנער סאנעטן זיינען אין איניקע חדשים אויך אפגעדרוקט געווארן אין זעלבן פארלאג, לאנדאן, 1937 —.

* * *

די ווייטשעפל „לייברערי" האב איך שוין געהאט באמערקט פריער. בין איך יעצט אריינגעגאנגען און דערזעען אינם ווינקל פון דעם גרויסן, גע־פאקטן זאאל מיט ביכער־שענק, אויך מיט יידישע און העברעאישע ביכער. אן אויסגעהונגערטער נאך א יידיש ווארט, בין איך אפגעזעסן אזוי אפאר שעה ביי שפינאזאס „פאליטיש־טעאלאגישן טראקטאט" ביז צו מיין פאר־לעזונג אין ארבעטער־רינג.

איך האב געלייענט מיט התמדה, גארנישט פון עפעס אנדערש גע־טראכט — אבער אפנים אין מיר האט זיך יא געטראכט: פולע שנעק מיט ביכער שטייען גרייט און פריי צום לייענען, א ליכטיקער, ווארעמער זאאל, א יידישע צייטונג איז אויך דא, און אזעלכע זונטאגס ווי נעכטן: א געגיי פון יידישע ארבעטער אין זייערס א יידיש קולטור־הויז ווי אין שול אריין און מיט יידישע קינדער יידיש־צעשריגן צעזונגען, זיך גליטשנדיקע אויפן פארענטש פון פינפטן שטאק אראפ זיינען דא, ברוך השם — — —

וואס פעלט דיר נאך? צו פרעסן! צו פאפן!! און וואס איז מיט ברייטע בענק ביי דער טעמזע און מיט די וואונדערלעכע לאנדאנער גערטנער? בין איך אין די פערצן־פופצן יאר אין בערלין געפגרט?

עס וועט זיך שוין ווייזן!

און עס האט זיך באוויזן:

ביינאכט נאך מיין פארלעזונג אין ארבעטער־רינג קומט צו מיר צו א פיין־אויסזעענדיקער, מיט א במתונותדיקער באוועגונג און גיט מיר 3 פונט מיט א פיינעם קאמפלימענט פאר מיין „משה מאץ". איך האב גע־מיינט, אז דאס איז איינער פון די ארבעטער־פארשטייער פונם ארבעטער־רינג — עס איז געווען דער פאעט שמואל וההייט!

עס איז געווען פונקט די דריי פונט, וואס איך האב אפגעמאכט מיטן אלטן נאראדיצקי, ע"ה, פארן דרוקן מיין ערשט ביכעלע אין ווייטשעפל, אין יאר 1936.



## אין די לעצטע זומער טעג

די טויבן, טוליענדיק, ווארעמען זיך אויפן דאך,
ברייזעלעך ס'ווארפט ווער, קומען זיי אראפגעפליגן;
איבער א ברעקל איינע דער צווייטע קאפאבל,
זיך אויסצוגראטשן די גוטינקע טויבן־אויגן.

דער הויף־הונט געלאנגווייליקט, וואקלט בייזלעך ארום,
ווי בעל־בית זיינער, וואס איז תמיד האלב באזאפן,
און אז די פיקנדיקע טויבן דערזעען אים,
מיט זיין פלי, צוריק אויף דאך פלאטערדיק אנטלאפן.

איינע, ווארקנדיק, מיט א געבראכענעם פליגל,
וואקלט ארום, די לעצט ברעקלעך אויפצוקלייבן,
צי גאר גלאט אזוי, די אויף דאך אויפצעפיקעניש,
אז זי דא האלט אין איין פיקן — זאלן זיי גלויבן.

די טויבן, טוליענדיק, ווארעמען זיך אויפן דאך,
און פארגלייזן פרום די גוטינקע טויבן אויגן,
נישט צו זען, ווי טויב מיט הונט שפאצירן זיך ארום,
און געשמאקע ברייזעלעך אנאויפהער אויפקלויבן.

## א חתונה א חתונה

ווי וואלט איך מיטגעפליגן מיט די פייגל,
אבער פליגל צו האבן מ'מוז האבן גליק;
הויב איך די אויגן אויף: גוטע בשורות ברענגט,
ווען אי"ה איר וועט קומען צוריק.

צי מיך נאך טרעפן א לעבעדיקן דא —
ווי שווער־פערמאטערט מיין הארץ איז, ווי טויט מיד —
אייך מקבל־פנים צו זיין, איין גאט ווייסט?
אבער באגלייטן אייך כ'קאן דאך מיט א ליד:

פליט, פליט, בשלום קומט דעם ים אריבער,
פון רויב־פייגל־פחדים אפגעהיטן זייט;
פון די נייע לידער, מיטברענגען פון דארט,
אונזערע הערצער אויפלאטערן מיט פרייד.
„ווי גערן וואלט איך מיטגעפליגן מיט אייך,

בלויז מיט געבראכענע פליגל וויאזוי״?
הייב איך מיינע אויגן צו הימל ארויף,
טרערן צעפינקלט מיט לעצטן טראפן בלוי:

„פליט, פליט, בשלום דעם ים קומט אריבער,
און שלום זיין דארט וואהין איר פליט;
אויב מיד ס׳איז מיין הארץ מיט אייך מיטצופליען,
תפילהדיק אייך באגלייטן כאטש זאל מיין ליד״.

## ב ר ו ך  ה ב א

דער גאנצער פארק א פארשפרייטער מיט וועלק־בלעטער,
לכבוד א גאסט היימישע שטוב מיט זאמד אויסגעשיט;
„ברוך הבא! ברוך הבא!! ברוך הבא!!!
הער איך דאס געשארך, א פריילעכס אונטער מיינע שריט.

נישט נאר ווען מיר גייען אויף — ווען מיר פארגייען,
עס קאן א גאר גרויסער פריידיקער יום־טוב זיין:
זע ווי די זון אויבן, אין א מרחשון־טאג
פון איבערגייענדיקן כוס וויין גיסט זיך איר שיין.

די זינג־פייגל זיינען נישט דא, זיך צעפלויגן?
טא זינג דו אונז עפעס פריילעכס אז ס׳זאל טון א נעם!
עס איז דאך ביי דיר אויך שוין נענטער ווי ווייטער — —
שטייט נישט אויך שוין אינטער דיין רוקן דער סמך מם?

ווי גייט דאס ווערטל: אז ס׳איז נישטא קיין מיידן
טאנצט מען מיט שיקסעס״ און אז ס׳איז קיין פייגל נישטא,
וועט דיך באגלייטן אויף שפיץ־בוים, ליידיקן,
שווארץ־חנעוודיק קלוג די קללות קראקענדיקע קרא.

## מ ר ח ש ו ן  ב א ל א ד ע

נישט איבער ימים פליען טויבן אוועק,
איבער ווינטערן און וועטער קאלטן,
אונטער ברומיקע שטויביקע באן־בריקן,
ווארקנדיק זיי טוען זיך באהאלטן.

אויבן יאגן די גרילצנדיקע צוגן,
און זיי טוליען זיך שטיל איינס צום צווייטן;
אונטער די רעדער, די ווילד־דרייענדיקע,



זיי חלומען פון זון און פון קוויטן.

אבער די הינקענדיקע, די לאמע טויב,
די מיט פליגל אירע צעבראכענע,
נישט אונטער דער קאלטער זשאווער־בריק צומאל — —
אין קופע בלעטער א פארקראכענע.

ווי זי ציטערט אין שארכנדיקן געוועלק,
ווי שטילינק דאס ווארקנדיקע ברומען:
גאט, איידער מיינע טייבעלעך אויסזיצן,
איך זאל נאר נישט א פריער פארקומען.

הארטע קאשטאטעס זשוביענדיק זי גריזשעט,
זויערע זוימענדלעך זי טוט שלינגען,
אין חלום אונטער די בלעטער פארקראכן,
עופעלעך ז׳הערט שוין פישטשעדיק זינגען.

ווי זיס זיי טוליען זיך איינס צום צווייטן,
ווי זוניק ווארעם זיך צוצוהערן —
איבער די וועלק־בלעטער ווארקט א רעגן,
גאנצע טעג און נעכט נישט אויפצוהערן —

און אין איינעם א ווינדיקן אין דער פרי,
ווי פחדימדיק ס׳איז דאס קאלטע וועטער,
ווארעמט זיך דער גערטנער זיינע ביידע הענט,
ביי אנגעצונדנער קופע וועלק־בלעטער.

און זע, א גאט אלמעכטיקער און גרויסער,
אייעלעך ווי ניסעלעך ער טוט שלינגען,
פארבייסט מיט טויב געבראטענער און אויף בוים
ראב זמרלעך קראקעדיק צוזינגען.

## אין א זון־צעשטראלטן כ. חשוון־טאג

(אויף א באנק אין גערטנדל)

א

א בוים דאס איז דאך שוין דור־דורות מענטש,
אבער א בלאט קאן מען דאך איבערליינען — —
ווי עס זעט איס פון צווייג אפגעריסן,

א פנים פון א מת — עס צו באווײַנען.

געל־אײַנגעשרומפן, שורותדיק צעקנייטשט,
זײַן גאנץ לעבן אויפן בלעטל פארשריבן;
נישט „ווי צו א בוים איז מענטש געגליכן״,
צו פארוועלקט בלאט פון חשוון־ווינט געטריבן.

דער גרויסער „שטאם־בוים״ פון מײַן משפחה!
און וויפיל איז פון אים איבערגעבליבן?
און וויפיל דור־דורות נאך דויערן?
ווי וועלק־בלעטל אין ווינט אויף שטויב צעריבן.

שטאם־בוים אונזערער דור־דורות צעצווײַגט,
יחוס־נחת פון יעדן בלאט געקליבן —
דא און דארט צווײַגל ווו נאך אויפציטערט!
און איך א בלעטל פונם ווינט געטריבן.

א בוים דאס איז דאך שוין דור־דורות מענטש,
אבער א בלאט קאן מען דאך איבערלייענען —
אן אפגעריסן בלעטל אין הארבסט־זון,
שנעלער וועלקט, וואס שענער די זון טוט שײַנען.

ב

פרעג א ייד דא איצט וואס אזוינס כ׳ חשוון,
און אין 300 יאר צי וועט מען נאך וויסן,
וואס אזוינס דער 19׳טער אפריל עס איז,
1943, י״ג אין ניסן — — —

כ׳זיץ אויף גארטנבאנק איצט — אויף אבל־בענקל,
די ליפּ צווישן די ציין ביטער צוגעביסן,
פאר בליק מײַנע כ׳זע: טאטן סליחות זאגן,
און די אויגן זײַנע הייסע טרערן גיסן.

נישט אויף דעם וואס געווען — אויף דעם וואס אצינד!
אויף־דעם וואס קומען גייט זײַן הארץ איז צעריסן —
ערגער ווי דאס פארגאסענע בלוט פון כמעל,
ס׳פארגעסן דאס, נישט מער דערפון וועלן וויסן — — —

נישט קיין חשוון־זון — א חודש־ניסן טאג!



און איך שלאף אײַן אין דעם צארטן שטראלן־פליסן —
ביי דעם שווארצן־וועגטל אין אשוויץ איך שטיי,
און ביקסן אין הארצן מיר געצילט אויסשיסן —

פונם שאס א דערשראקענער אויפגעוואכט,
און איך פרעג מיך: זאג מיט ערליכן געוויסן,
וואס ווייסט דו דערפון נאך, וואס טוסט דו דערצו?
און כ׳בלייב זיצן מיט ליפּ צווישן ציין פארביסן.

ג

ווי פון א בוך כ׳וואלט געלעזן,
פון די וועלק־בלעטער איך לייען;
פאלט א קאשטאן פון בוים אראפּ,
אינמיטן א „זאץ״ כ׳בלייב שטיין.

ס׳דוכט זיך מיר אין טיר כ׳הער א קלאפּ,
רוף הויך: „ביטע ארײַן״!
ס׳איז שטיל, די טיר עפנט זיך נישט,
און נאך שטילער כ׳הער מיר אײַן.

א צווייטער קאשטאן פאלט אראפּ,
מײַן גרויסן טעות כ׳זע־אײַן — —
„אפנים איך בין שוין פערטיק״!
שריי איך הויך צו מיר אליין.

א שכן אויף באנק דרייט זיך אויס;
וואס איך מיין וויל ער פארשטיין — —
שנעל פון מײַן פלאץ שטעל איך מיך אויף,
און גיך אהיים כ׳לאז מיך גיין.

אונטער מײַן טראט ס׳בלעטער־געשארך,
פאלט אין מײַנע רייד ארײַן:
„שוויג אלטער עבר־בטלניק״!
הער איך ווי ס׳קריצט מיט די ציין.

## צום קאטער אין מײַן געסל

1

אין די לעצטע געסלעך נאך דא

ארום כ׳דריי מיך אהין־אהער;
הער ווי עמעץ־ווער רעדט צו מיר —
דאס רעד איך צו מיר אן איפהער.

שא, צו מיר אליין כ׳הער זיך איין — —
עס גייט מיך אזש אן א געוויין.

2

מיין פרילינג־ליד, דאס לעצטע שוין געוועזן,
א טויטער ראט מיט אויסגעגלאצטע אויגן;
אן איבערגעפארענער דא אין געסל,
א פרייד צעלייגטער ליגט ער אויסגעצויגן.

אז איבערקומען דעם ווינטער דאך היי־יאר,
א פרילינג־ליד וועל איך נאך שרייבן גאר ?

3

וואס טוט א קאטער דא אין די געסלעך,
אז א קאץ כאטש ס׳זאל זיך טון א באוויין ?
אויסגעשטארבן ווי פון א מגפה,
אין די קעלערס די ראטן און די מייז.

אז איך זע אים, כ׳זע מיך ווי אין א שפיגל
און ס׳נעמט מיך אן פאר מיר אליין א מיגל.

4

כ׳דריי מיך ארום דא אין די געסלעך,
א בייז־מיאוקעצדיקער קאטער :
א קוועטש ביים הארצן און — א לידל
אזא מין שטראם־גראם קאמפיוטער.

אך, אז וועט וועט עס שוין געבן
דעם אמתן קוועטש און — פטור.

## ווארי אציע

I

די גרויקייט פון הימל,
ביזגל הארץ אריין דערגייט —



דערגייט ממש די טעג!
און ערשט אז דער טאג פארגייט,

לבנה, שטערן באגלייט,
אויף הימל־חושך נישט שטייט.

2

לייען איך גאנצע טעג,
דעם באדייט פון הארץ ארויס;
און וואס איך זע, עס איז,
א מין חשכות אזוי גרויס,

און אין די נעכט כ׳הער בלויז,
ווי מיין הארץ גריזשעט א מויז.

3

נישט קיין מארגנשטערן,
און נישט קיין פיצעלע שיין —
א פינסטערע גרויקייט,
דער טאג אין פעסטער בלייבט שטיין.

וואס שוין דער חילוק זיין,
ליגן בלייבן צי אויפשטיין.

4

און אז אין איין באגין,
אין שויב שטיין בלייבן די זון — —
אז וואס שוין וועט דעמלט
גרויס ארויסקומען דערפון ?

אין אייל אויף א ווייל און —
מיטן קאפ א שאקל טון.

## דער בוים אויף מיין הויף

די שיינקייט פון א בוים אין זיין פארוועלק,
שענער נאך אפשר ווי אין זיין צעבלי —
פון גאנצן זומער שטייענדיק אין זון,
טראגט ער אין זיך דעם יום־טובדיק צעגלי.

בלייב איך שטיין אין הויף פאר בוים אין ווינקל,
און קוים איך קאן ווייטער מאכן א שפאן —
ניין, נישט וויל מיין הארץ פארמאטערט בלייבט שטיין,
פאר דער שיינקייט וואס אויף ערד דאך פאראן.

## ל ע צ ט ע ר ש ט ר א ל

דער לעצטער שטראל פון דער וואנט פארשווינדט — —
וועט ער מיך דא ווידער געפינען,
ווען אין פרילינג צוריקקומען ר׳וועט ?
ס׳גייט טאקע מיר אזוי אין לעבן ?

אפשר יא — מיך צוגעווינט דערצו,
איז דאך אלץ נאר א מין געוווינהייט,
מיט יעדן טאג לענגער וואס מען לעבט — —
אלץ מערער געוווינט מען זיך דערצו.

ווי פאמעלעך ער רוקט זיך דער שטראל,
און ווי ער ציטערט, ווי ער ציטערט :
מסתם ווייסט ער אויך נישט צי ער וועט —
צו דער וואנט נאך צוריקקומען דא.

ס ע ם ג א ל ד ב ע ר ג

## „סיניאר סיטיסענס“ אין דער גאלדענער מדינה אמעריקע

— דורך מיינע אויגן —

ווען מיין פריינט מארי, א טאנץ־לערער און מיין מענעדזשער, האט מיך איינגעלאדן צו פארברענגען א שבת אין זיין היים מיט זיין פאמיליע, האב איך געפילט, אז איך בין אין דער אלטער היים אין פוילן.

די לייכטער האבן אראפגעשיינט פון טיש און געקוקט אויף מיר מיט גלאנצנדיקע אויגן גלייך אין פנים אריין ווי א מיידעלע, וואס איז פארליבט אין מיר; און מיט א שטילן, שמייכלדיקן ניגון מיר געזאגט, „זעסט, צווישן אזויפיל אפיקורסים אין דער וועלט זענען מיר דאך געבליבן די, וואס באשיינען דאס יידישע שבתדיקע לעבן !“

האב איך טאקע געמאכט קידוש און מיך געוואשן צו די געשמאקע, אליין־געבאקענע חלות, און מיר האבן געפראוועט אן אמתדיקן, פריילעכן שבת פאר ג אט און פאר לייט.

זונטאג אין דער פרי נאך פרישטיק זאגט צו מיר מיין פריינט :



— סעם, מיר וועלן צופארן צו א סיניאר סיטיסענס קלאב.

אזוי האבן מיר געטון. עלף אין דער פרי זענען מיר שוין דארט געווען. וואס האב איך דארט געזען ? אין א שיינער געגנט אין ברוקלין, פול באוואקסן מיטביימער און בלומען פון אלע זייטן, איז זיך געשטאנען, אונטער דער ברענענדיקער זון ביי 105 גראד היץ, א שיין צוויי־שטאקיק הויז מיט א באלדאכין איבערן קאפ. אין פו ן אלע זייטן זענען אנגעקומען קארס מיט זייערע „יונגע ליבהאבערינס“ פון זיבעציק ביז עטלעכע און ניינציק יאר, קאלירפול אנגעטון; די פרויען שיין פארקעמט, ערשט ארויס פון העיר־דרעסער; די מענער — העלע הויזן מיט קאלירטע העמדער איבער די הויזן, אפן ביים האלז, שיין ראזירט און פארקעמט — נאר צו דער חופה זיי צו פירן. עס האט געגלאנצט און געשימערט, און אריין אין קלאב.

אין א שיינעם, ספעציעלן זאל שיין אויסגעפוצט, זענען געזעסן פרויען און מענער און געשפילט א קערטל, געריכערט א ציגארעטל, א קאפע־טי איז געשטאנען דערנעבן, און מען האט דערביי געשמועסט פאליטיק פון ישראל.

די שיינקייט, ווי דאס האט אויסגעזען, ווי עס וואלט געווען א הויז פון מיליאנערן.

פונקט צוועלף אזייגער האט מען אין א צווייטן, גרויסן זאאל געגרייט צום טיש א לאנטש פאר צוויי הונדערט מענטשן.

די ליכטיקייט פון די שאנדאלירן האט ארויסגערופן פריילעכקייט און פארגעניגן ביי די יונגע־עלטערע פארלעך.

אויף די טישן זענען שוין געשטאנען פארשידענע „דזשוסן“ צום טרינקען, פריש געשניטענע חלות און פריש ברויט, ערשט פון בעקער ארויס. און מען האט זיך אוועקגעזעצט עסן. און איך מיט מיין פריינט אין דער מיט. דאס מאלצייט איז באשטאנען פון ערשט־קלאסיק כשר עסן.

שיינע, אויסגעפוצטע פרויען האבן צוגעטראגן א פערטל הון, פון וועלכער זייט איר ווילט; הייס, פריש געבראטן, מיט פרוכטן און טאמאטן פארפוצט. דערנאך טיי מיט לעמאן און פארווע קוכן.

און דאס אלץ קאסט זיי גארנישט. אז עמיצער וויל און גיט פינף און צוואנציק סענט, באקומט ער צוויי לאטעריע צעטלען עפעס צו געווינען.

פרעג איך מיין פריינט מארי — ווער צאלט פאר דעם אלעם ? עס מ׳וז דאך קאסטן א פארמעגן דאס אויפצוהאלטן !

דער ענטפער איז, אז עס קאסט גארנישט ! די רעגירונג באצאלט פא־דעם אלעם, און אביסל פון דאנעישאנס, וואס מענטשן שיקן אריין. אזוי האט מיר דערקלערט דער טשערמאן פון דעם קלאב, מר. סעם גראבשטאק, א לאדזשער לאנדסמאן. „די זאאלן אויפצוהאלטן קאסט זעקס און דרייסיק טויזנט דאלאר א יאר“, האט ער מיר געזאגט . . .

ווען דער לאנטש האט זיך געענדיקט איז — אין פינף מינוט — און איר דערקענט נישט וואס דא איז פארגעקומען. מוזיק שפילט און דער רעסטאראן איז פארשוואונדן; פארוואנדלט אין א שיינעם, אויסגעפוצטן טאנץ־

זאאל, מיט א גלאנצנדיקער פארלאגע, אז איר קענט אייך אין איר אפשפיגלען.

צוויי יונגע פארלעך טאנצן מאדערנע טענץ. איר וואלט עס אין אייער לעבן נישט געגלויבט. אז איר קוקט אויף זיי, מיינט איר, אז דאס זענען טאקע יונגע מענטשן פון עטלעכע און דרייסיק אדער עטלעכע און פערציק יאר. דערווייל זענען דאס זיידעס און באבעס! עס איז שווער זיך דאס פארצושטעלן.

ווען איר דערזעט א פארל אריינקומען אינמיטן טאנצן, ער פיר און ניינציק און זי אכט און אכציק — ביידע נישט קיין גלייכע מענטשן: זי הויקערדיק און איינזייטיק קרום, ער איינגעבויגן און קען נישט אויסדרייען דעם קאפ — פארלירן זיי נישט קיין איין מינוט! האבן זיך גענומען טאנצן, אז איך האב נישט געגלויבט וואס איך זע מיט מיינע אויגן. די מוזיק האט געשפילט א „טשאטשא“, ער האט איר קאמאנדעוועט און זי האט לאנגזאם אויפגעהויבן דאס קרומע פיסעלע צום טאקט ווי א ראפינירטע טענצערקע.

איך בין געווארן איינגעלאדן פון אן עטלעכע און זיבעציק יעריקער פרוי, אן איטאליענערין, צו טאנצן. זי, א קליינטשיקע, מיט א שיין יונג פנימל, א שיין פיגורל, אויסגעטשוויטשעט פון טאנצן און מיר האבן געטאנצט. האב איך אינגאנצן פארגעסן און געמיינט, אז איך טאנץ מיט א יונג, שיין מיידעלע און נישט מיט קיין אלטער באבע.

אזוי האבן מיר זיך אמוזירט ביז דריי אזייגער. פינף מינוט נאך דריי איז דער טאנץ־זאאל פארשוואונדן, און עס האבן זיך געעפנט צוויי גרויסע ווענט, מיט גרויסע, ליכטיקע שאנדאלירן, מיט אויסגעשטעלטע שיינע, געבעטע שטולן און צו מיין גרויסער איבערראשונג האב איך דערזען א שיינע, גרויסארטיקע שול . . .

איך האב מיך דערשראקן. וואס איז דא געשען? אין איין מינוט, ווי איך בין דא, פון אויבן־אן שטייט דער בעלעמער. פון ביידע זייטן — עלעקטרישע לייכטער און פון ביידע עק די יידישע פאן און די אמעריקאנער פאן, מיט גרויסע בוקעטן ווייסע בלומען!

יא, יא, אמעריקע מעג זיין שטאלץ מיט וואס זי טוט אויף פאר אירע בירגער. מען פרעגט דיך נישט ווער דו ביסט, וואס דו ביסט, וואס דו טוסט? מען קומט זיך צוזאמען ווי ברידער און שוועסטער. מען עסט, מען טרינקט, מען טאנצט און מען דאוונט . . און דאס איז דאס פריילעכע לעבן פון די סיניאר סיטיסענס אין דער אמעריקאנער, גאלדענער מדינה. איצט פארשטיי איך ערשט פארוואס יידן האבן אזוי שטארק ליב אמעריקע.

די רעגירונג מישט זיך נישט אין די יידישע געשעפטן. דער ארבעטער־רינג איז דער טאן־געבער פארן יידישן פאלק און דער יידישער קולטור. ער בויט היימען פאר עלטערע מענטשן, שילעס פאר קינדער און אויך פאר דערוואקסענע. יעדע וואך גייען ארויס נייע ביכער צו לערנען קינדער אין אויך דערוואקסענע.



מיט דער גאנצער יידישער קולטור־טעטיקייט פירט אן דער הארציקער פריינט און קולטור־פארשטייער, יוסף מלאטעק. אן אים און חיים בעזג פאסירט כמעט גארנישט אין יידישן קולטור־לעבן.

אזוי האב איך עס ערלעך איבערגעגעבן גענוי ווי איך האב עס געזעען מיט מיינע אייגענע אויגן, א יידישער שוישפילער און זינגער, סעם גאלדבערג — לאנדאן־ניו־יארק.

אייזיק גאלדבערג

## יוסף גרינבערג ע״ה

אז מ׳פארלירט א פריינט, איבערהויפט א נאענטן פריינט, איז ווי מ׳זאגט, דער ווייטאק אין הארץ א גרעסערער, איבערהויפט אז מ׳קומט אויף די עלטערע יארן און דער קרייז פון פריינט און חברים ווערן אלץ ווייניקער און ווייניקער . .

יוסף גרינבערג איז געווען א פליט פונם היטלער־גהנום, וועלכער האט געהאט דעם מזל זיך צו ראטעווען מיט א טייל פון זיין פאמיליע און דא אין לאנדאן־ווייטשעפל, ווידער אויפגעבויט זיין היים און געפירט א בעל־הבתיש לעבן, בכלל איז ער געווען א מענטש וועלכער האט זיך נישט אפגעשלאסן פאר זיך, נאר שטענדיק געזוכט צו זיין אין קאנטאקט מיט פריינט, מיט וועלכע ער האט געקאנט האבן א מיינונגס־אויסטויש וועגן יידישע און אלגעמיינע ענינים. אויך איז ער געווארן שטארק מיטגעריסן פון יעדער געשעניש וועגן מדינת ישראל, פון אלע שלעכטע און גוטע ידיעות.

באזונדערס איז ער געווען פארבונדן מיט דעם יידישן טראדיציאנעלן און רעליגיעזן לעבן. ער איז אויך געווען א בעל־עמוד און זיך באטייליקט אין פארשידענע אקטיוויטעטן, ווי ער וועט דארט אלעמען פעלן:

אחוץ דעם איז ער אויך געווען א מבין פון זינגען יידישע טעאטער און פאלקס־לידער, לויט דעם אלטן שטייגער. נאך פון זיינע יונגע יארן פון דער צייט ווען ער האט געזונגען אין דייטשלאנד — עסען — אין „הזמיר“. און זיך דארט אויסגעצייכנט אלס „סאלויסט“. דאס האט ער ליב געהאט ביז אין זיינע עלטערע יארן, ער איז דערפאר געווען צופרידן וואס ער האט אפטמאל זיך געקאנט באטייליקן מיט זינגען יידישע טעאטער און פאלקס־לידער, ביי די „יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס“ אנגעפירט פון א. נ. שטענצל, וואו מען האט גערן זיך צוגעהערט צו זיין זינגען.

אויך איז ער געווען א נאענטער פריינט מיט דעם דיכטער שמעון וויזעק, פון ניו יארק, וועלכער איז געווען נאך אין דייטשלאנד ביי אים א בן־בית. נישט לאנג צוריק, צום 75׳סטן געבוירן־טאג פון וויזעק, האט גרינבערג געהאלפן ארויסגעבן אן אויסגאבע פון וויזעק׳ס לידער, אין „לשון און לעבן“.

יוסף גרינבערג איז געווען באליבט ביי זיין משפחה און פריינט, וועלכע וועלן אים צום גוטן געדענקן:

אין בית־מדרש א מרה־שחורה,
אין יחוד־שטוב נישט אויסצוהאלטן,
און אלץ גרעסער און אלץ פינסטערער
וואקסט דער שאטן אויפן באלטן.

הין־אהער זיינע פיס זיך שארן,
ר׳קאן זיך קיין מנוחה געפינען —
אן אויסגעזויגענע פארמאטערטע פליג,
געפאנגען אין א נעץ פון שפינען:

א גאנץ יאר איז אונזער גמרא דא
דער גאנצער גוף טוט זיך צעוויגן;
אלע רמ״ח אברים טון באגלייטן,
פון הארץ זיך רייסנדיקן ניגון.

ביים ליידיקן שולחן ער בלייבט שטיין,
פארמאטערט, אנידערצוזינקן;
פון די ווינקלען פינסטערע שאטנס,
איינער צווייטן זיך איבערווינקן.

און שוין שטייט ער ארומגעריזגלט,
זע, דער עגול האלט אים צוזאמען;
א ליכטיקייט נעמט שטראלן אין אים,
און זיינע אויגן זיך צעפלאמען:

וואס קאן מעןריידן היינט ביינאכט, חוץ
פון יענע אייניקלעך וואס קוואקען;
מילא, כ׳וועל זאגן א דבר־תורה,
זאל עס מיר אויספאלן פאדבאקעם:

„זיי ווילן דווקא נעמען קוויטלעך,
געבן קמיעות צו קדחות — —
מ׳קומט נאך א קינד — קומט א ממזר גאר!
אל תקרא הלכות אלא״ להכות — — —

„ברענגט דאך מיר אהער מיין ספאדעקל,
וועלן מיר ארייַנוויקלען קוויטלעך;
לכל הפחות אזוי גוט, ווי די
קאפלען אונטער די סאמעטענע היטלעך״.



*    *    *

צי האב איך וועמענען עס איז אין אויג ?
ג׳אט באהיט ! קיינעם — חלילה וחס !
לכבוד די לאטקעס, די גראַטענע,
א חסידיש הלצהלע — א שפאס.

איז עס דאך דאס שטיקעלע חוזק נאך,
פונם שוואכן ס׳איינציקע געווער —
אויף צעפיקעניש צעלאכט זי זיך גאר,
אין כעס צעפינקלטן אויג, די טרער.

ס׳גאונישע פון יידישלעכן פאלקלאר:
חזק, חזק — דווקא יידישלעכער וויץ!
אויף צעפיקעניש פארווונדן ער קאן,
פון א פיקע געשליפנסטער שפיץ —

פארוואס האט א בית־דין דריי דיינים רק ?
כדי עס זאל פעלן א פערטע האנט !
אז נישט, וואס־זשע וואלטן זיי דען געטון טוען,
געשפילט אין אן אקעלע נאכאנאנד.

אז קיין שאלה קומט קיינער נישט פרעגן,
אויף גויאיש זיך מפלפל זיין וואסער טעם ?
וואלט זיך ס׳„תהילימל״ כסדר געמישט — —
אבער אז ס׳פעלט אויס א פערטער שטראם *

שוין פון די צייטן פון „נודע ביהודה״
אט דאס שיינע מעשהלע דערציילט ווערט:
ר׳גייט פארביי פאר נייעם דיינס פענסטער,
פינסטער, חצות אפריכטן נישט מען הערט.

„רבי,״ זאגט צו אים ר׳ בער דער שמש,
„ביים אלטן דיין גענאנגען פארביי,
„א ליכטיקייט געלויכטן פון פענסטער,
„הימל איינגעריסן זיין וויי־געשריי — —״

* ממש ווי ביים א פאעט ס׳פעלט אויס צום גראם.

„בעסער אזוי, בער, ווייסט מען כאטש ער שלאפט
„און קיין קארטן ער שפילט נישט אצינד",
און פאר פינסטערן פענסטער זיי זיינען
מיט א חצות־זיפץ פארבייגעאיילט געשווינד.

*　*　*

וואלט איך געווען א גריך אין א ווארעמע וואנד,
מיט אויפגעשניטענע אדערן איצט געזעסן;
בין איך דאך אבער אן עקשן א ייד, וועל איך נאך,
(ווי האט טאטע געזאגט: א זאק ברויט נאך אויפעסן!)

גיין שווער אויף נקיות אין גראמען, אויסגעקוועטשטע,
יסורים־פארבלוטיקטע, פון מיר ארויספרעסן — —
און אפשר בין איך טאקע א מין גלגול אזא,
צי גאר א דיבוק, חלילה פון טייוול באזעסן?

ווארום די אדערן פון מיר ארויסצוטרענען,
זיצן איך וועל איבער מיר גאנצענע מעת־לעתן,
נישט וויסן פידל, צי פיילבויגן פון זיי צו מאכן?
דאס ביסעלע לעבן ווי מיאוס ס'איז שוין דער עסן.

וואלט איך געווען אן אלטער גריך, אין קאלטער וואנע,
אן אויסגעבלוטיקטער טויטער מת מיר געזעסן,
בין איך דאך אבער א ייד א חלוש, וועל איך נאך — — —
אדרבא! זאגט מיר וואס? כ'האב שוין פארגעסן.

*　*　*

נישט נאר שמן־זית־בוימאייל קריגל,
געחתמעט מיט כהן־גדול־זיגל —
הארץ־פערחתמטן לאגל פיל טרערן,
אז אויף תמיד שוין טון אויפהערן,
יעדעס בלוטיקע נצחון־זיגל,
ווען וועט עס שוין אויסגעפונען ווערן?

יעקב עדלשטיין, ירושלים

## נייע ארכעאלאגישע אויסגראבונגען פון די חשמונאים-צייטן

מיט א יאר צוריק בערך זענען אנטדעקט געווארן אין מדבר יהודה אינטערעסאנטע אקוועדוקטן, וואס האבן געפירט צו דער חשמונאים־פעסטונג קיפרוס, וועלכע זענען זייער באלערנדיק פאר דער געשיכטע פון באפעס־



טיקן דעם מדבר יהודה אין די צייטן פון די חשמונאים, כדי צו פארטיידיקן דעם ירדן־טאל און דעם וועג קיין ירושלים. מיר קענען זיך איצט אייך איבערצייגן וואס פארא גרויסע באמיונגען זענען נייטיק געווען כדי צו האלטן די פעסטונגען אינעם מדבר און זיי באזארגן מיט וואסער, און ווי וויכטיק עס זענען געווען די דאזיקע פעסטונגען אין מדבר יהודה וואס האבן געהיט דעם וועג צו ירושלים.

ביז איצט האט מען די וואסער־רערן, אין מדבר יהודה פארעכנט צו די רוימישע צייטן. איצט זענען געקומען די מענטשן פון דער מעלד־שולע אין כפר עציון און געוויזן אז די אקוועדוקטן האבן גאר געפירט צו דער חשמונאים־פעסטונג קיפרוס. זאב משל, וואס האט געפארשט די רעשטלעך פון דער פעסטונג האלט, אז זיי זענען געבויט געווארן דורך די חשמונאים און זיי זענען שפעטער פארברייטערט געווארן דורך הורדוסן. אייך ווען מ'פארטיפט זיך אין די היסטארישע מקורות, צייגט מען זיך אין דעם איבער.

די אקוועדוקטן האבן געפירט דאס וואסער פון יואדי קעלט. אינעם דאזיקן ווינטער־טייכל זענען פאראן דריי הויפט־קוואלן, וואס טיילן איין דעם "וואדי" אין דריי טיילן, און אין הסכם דערמיט די אקוועדוקטן וואס ווערן איינגעטיילט אין דריי מינים: לאקאלע וואס האבן געדינט פאר דער באוואסערונג פון די לאנדווירטשאפטלעכע שטחים אין יואדי גופא, אזעלכע וואס האבן באוואסערט דעם יריחו־טאל און די וואס האבן געליפערט וואסער פאר דער פעסטונג קיפרוס. דער גרעסטער פון די קוואלן איז עין־פוער און פון דארט ציען זיך טאקע די אקוועדוקטן. איינע פון זיי איז אין לענג פון זעקס ק"מ וואס ציט זיך פון איין ברעג צום צווייטן איבער בריקן, וואס האבן זיך אויפגעהיט ביזן היינטיקן טאג.

## די חשיבות פון דער קיפרוס-פעסטונג

פלאוויוס דערציילט אז הורדוס האט אויפגעבויט איבער יריחו א פרעכטיקע פעסטונג פאר זיין מוטער און זי אנגערופן קיפרוס. די פעסטונג האט זיך אויסגעצייכנט ווי געווינלעך הורדוסעס געבייען, מיט פראכט און פעסטקייט. ביים אנהייב פון גרויסן אויפשטאנד איז די פעסטונג דעראבערט געווארן דורך די אויפשטענדלער וואס האבן צעשטערט די פארטיפיקאציעס. אין איכה רבה ווערט אויך דערמאנט א טייך מיטן זעלבן נאמען, וואס איז אפשר פארבייגעפלאסן אין די פעסטונג און דאס איז טאקע וואדי קעלט. די אלגעמיינע מיינונג איז, אז די פעסטונג האט זיך געפונען אויף א בערגל דרום פון וואדי קעלט וואס וואכט איבערן אלטן וועג קיין יריחו וואס הייסט היינט תל על־אקאבא. דא, אויף א פלאך בערגל, האט מען געפונען רעשטן פון א גרויסן געבוי, א וואסער־גרוב און רעשטלעך פון ווענט און פון א מרחץ. אויף דער צפון־מזרחדיקע זייט פונעם בערגל געפינען זיך פיר גרויסע וואסער־גריבער וועלכע מען זעט גוט פון יריחו. דאס אלץ איז א באוויז, אז דא האט זיך טאקע געפונען די פעסטונג וואס הורדוס האט, ווי געוויינ־

לעך, געבויט אויף די רעשטלעך פון דער פריערדיקער חשמונאים־פעסטונג. די וואסער־גריבער האבן באקומען דאס וואסער דורך די אקוועדוקטן פון וואדי קעלט וואס האט, ווי געזאגט, דעמאלט געהייסן קיפרוס, און פון דאנען איך דער נאמען פון דער פעסטונג. דער מרחק פון דערמאנטן קוואל עין פיאר ביז דער פעסטונג איז אין דער לופט נישט מער ווי 7 ק״מ אבער די צוויי אקוועדוקטן זענען אין א לענג פון מער ווי 14 ק״מ, מחמת די שווערע טאפאגראפישע באדינגונגען האט מען דעם וואסער־מאגיסטראל געמוזט פירן איבער ניין בריקן און 5 טונעלן. פיר פון די בריקן זענען גאנץ, איינע פון זיי אין דער הייך פון 25 מעטער ווערט עד היום באנוצט. די טונעלן זענען אין דער לאנג פון 385 מעטער און זענען מערסטנטייל פארשטאפט. ביז איצט האט מען באוויזן אויסגראבן בלויז דריי עפענונגען פון די טונעלן.

א צווייט וואסער־ווערק וואס ציט זיך פון וואדי פארא אויף מזרח איז אן ערדענע דער פון א דיאמעטער פון 37 סענטימעטער, וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון רינגען וואס זענען געלייגט געווארן אויף פיל עלטערע אקוועדוקטן, אלע סימנים ווייזן, אז די רער האט געניצט א לענגערע תקופה צום אריבערפירן וואסער. ווער און ווען עס איז געלייגט געווארן די רער? — דאס ווערט איצט געפארשט און מעגלעך, אז איך דא דערווארטן סורפריזן.

אין דער חשמונאים־פעסטונג דוק וואס ווערט דערמאנט אין ספר החשמונאים און ביי פלאוויוסן זענען געפונען געווארן ניין וואסער־ברונעמס, אויסגעהאקט אין פעלדזיקן בארג־אראפגאנג. דא האבן די פארשער געהאט א שווערע ארבעט ביז זיי האבן געפונען די רעשטלעך פון דער וואסער־פארזארגונג. די וואסער־גריבער זענען פירקאנטיק און דערמאנען מיט זייער אויסזען די וואסער־גריבער אויפן מצדה־בארג און אין אנדערע פעסטונגען. פארשער האלטן, אז דאס איז געווען איינע פון די ערשטע חשמונאים־פעסטונגען. שפעטער איז דער נאמען דוק געענדערט געווארן אויף תרכס. קיינער ווייסט אבער נישט דורך וועמען און פארוואס. ווי עס זעט אויס איז די פעסטונג נישט ווידערעסטאווירט געווארן דורך הורדוסן. פון אט דער פעסטונג זעט מען דעם הר זיתים פון מערב און דער גאנצער יריחו־טאל ווי אויף דער האנט. אין צפון געפינט זיך די סרטבא־פעסטונג.

און אין מזרח — די בערג פון מואב און דער גלעד. היינט געפינט זיך דא א שטיינערדיק מויער געבויט דורך די נזירים פון קאראנטל־קלויסטער אין יאר 1914, ווי אויך פונדאמענטן פון א קירכע און קאפעלע, וואס מען האט דא אנגעהויבן בויען און פארענדיקט. פאראן דא אויך פיל רעשטלעך פון טורעמס און א ווינקל פון אן אלטער מויער האט זיך דא גוט אויפגעהיטן ביזן היינטיקן טאג.

מיט די מענטשן פון דער פעלד־שולע פון כפר עציון האבן מיר געמאכט דעם שפאציר איבער די אלע אויגראבונגען און אנטפלעקונגען, איבער



די בריקן און אקוועדוקטן פון מדבר יהודה און צו דער פעסטונג קיפרוס צו וועלכער עס פירן די וואסער־וועגן. פון דאנען זענען מיר ארויף צו דער פעסטונג דוק און די וואסער־גריבער, וואס זענען אנטפלעקט געווארן דורך אויסשפיר־גרופעס פון גולני. די פעלד־שולע פון כפר עציון האט פיל געלייסטעט פאר די אנטפלעקונגען. געפינט זיך דאך דער עציון־בלאק אין סאמע מיטן פון דער ארענע ווי עס האבן זיך אפגעשפיגלט די מלחמות פון די חשמונאים. דאס איז דאך דער ראיאן פון בית צור און בית זכריה.

## שטעמפל פון כוהן גדול

אין ירושלים איז איצט אנטדעקט געווארן א שטעמפל פון קעניג אלכסנדר ינאי אין אלטן העברעיש, דורך א פריוואטן זאמלער וואס האט דאס אפגעקויפט ביי אן אנטיקן סוחר אין דער ירושלימער אלטשטאט. די אויפשריפט אויף דעם שטעמפל לויטעט: „ינתן כהן גדול, ירשלם. מ.“ די אותיות זענען פון צווייטן און ערשטן יארהונדערט פאר דער איצטיקער צייטרעכענונג.

פראפ׳ נחמן אביגד פון העברעישן אוניווערזיטעט אין ירושלים האט אונטערזוכט די חתימה, כדי צו דערגיין ווער עס איז יונתן דער כהן גדול. אין דער חשמונאים־דינאסטיע זענען געווען צוויי יונתנס — איינער דער ברודער פון יהודה המכבי, וואס האט פארגעזעצט די מרידה קעגן סיריע און דער צווייטער איז געווען אלכנדר ינאי, וועמעס יידישער נאמען איז געווען יונתן, און ער האט געלעבט זעכציק יאר נאכן ערשטן יונתן. אלכסנדר ינאי האט געגאסן א סך מטבעות מיט אויפשריפטן „יהונתן המלך“, „יהונתן הכוהן הגדול“ די פרושים זענען געווען קעגן דעם, וואס דער מלך האט אויף זיך גענומען אויך דעם אמט פון כוהן גדול. קען זיין אז צוליב דעם האט ינאי דווקא אויף די מטבעות געוואלט אונטערשטרייכן זיין אמט אלס כהן גדול. אויף א סך מטבעות האט ער דעם נאמען געקירצט, גענוי ווי אויף דעם שטעמפל „ינתן“ כדי נישט צו געבן צוזאמען אותיות פון שם המפורש.

פארשער האלטן אז דער מלך האט געהאט א סך שטעמפלען מיט וועלכע ער האט זיך באנוצט פאר פארשידענע צוועקן. דער איצט־אנטדעקטער שטעמפל איז געווען פארן באנוץ אין בית המקדש און דעריבער האט דער מלך מפקיד געווען מיטן אויסלייג פון ווארט יונתן. אין מסכתא שבת ווערט טאקע דערציילט וועגן כלים מיטן חותם פון כוהן גדול וואס פלעגט זיך געפונען אין בית המקדש. דארט רעדט זיך וועגן דעם נצחון פון די חשמונאים איבער די סיריער און נאכן אריינקומען אין בית המקדש „בדקו ומצאו האט מען געזוכט און געפונען בלויז איין קריגל בוימל אויף וועלכן עס איז געווען דער חותם פון כהן גדול“ — דאס איז די קריגעלע בוימל וואס איז גענוג געווען אויף איין טאג אבער עס איז געשען דער נס חנוכה און האט געסטייעט אויף גאנצע אכט טעג.

יונגער — זענען מיר געווען א פיר־גרופע שמואל וויינשטיין, (אגב, דעם

דאס איז בכן דער חותם „של כוהן גדול" וואס אייך אלכסנדר ינאי האט געלאזט פאר זיך צוגרייטן און איז איצט געפונען געווארן — ערב דעם היינטיקן חנוכה — חנוכה תשל"ו.

(פרעסע דינסט)

יוסף לעפטוויטש

# ראזנבערגס יאר

ווען גוטע פריינט האבן מיט דריי יאר צוריק געפייערט מיין ווערן א בן־שמונים און ארויסגעגעבן א מין פעסט־שריפט איז דארט געווען מיין דאנק־ווארט, ווו איך האב דערציילט, אז ווען מיר זענען געווען יונג — איך בין דעמאלט געווען 18 און די אנדערע דריי א יאר צוויי עלטער אדער בונדיסטישן פירער רחמיאל'ס יונגערער ברודער) דזשאן ראדקער, יצחק ראזנבערג און איך. געווען אין יענעם ווייטשעפל פון עטלעכע 60 יאר צוריק עטלעכע אזעלכע גרופעס, יונגע אספיראנטן, מאלער, דיכטער „טרוימערס פון געטא", און מיר זענען געווען פארברודערט צווישן זיך. געווען די היינט בארימטע מאלערס דוד באמבערג און מארק געטלער, דער דיכטער אראנסאן, דער געלערנטער פראפעסאר אייזאקס, אמאל דער ערשטער פראפעסאר פאר ענגלישער ליטעראטור אין ירושלימער אוניווערזיטעט און אויך אין לאנדאנער אוניווערזיטעט, און א טיץ, אפשר א צוויי צענדליק אנדערע, ווי מיר, יונגע לייט וואס האבן געחלומט אז אמאל וועלן מיר אויפטאן וועלטן. האב איך דעמאלט, אין יאר 1911, געפירט (דאס איינציקע מאל אין מיין לעבן) א טאגבוך — אין יאר 1911. האט מען איצט דאס טאגבוך מיינס אויסגעשטעלט צוזאמען מיט מיין פארטרעט־בוסט פון דעם גרויסן סקולפטאר גליצנשטיין, ווען איך בין געווען א צוואנציקער, אויף דער גרויסער ראזנבערג אויסשטעלונג אין נאציאנאלן (מלוכהשן) בוך־ראט, און די דריי באזונדערע ביכער וועגן ראזנבערג וואס זענען ארויס אלע דריי אין דער צייט פון דער אויסשטעלונג האבן אלע דריי ציטירט גאנצע זייטן פון מיין טאג־בוך, און וועלכן ס'שפיגלט זיך אפ אונזער לעבן דעמאלט אין אונזער ארימן און דורכאויס יידישלעכן ווייטשעפל פון 1911. איז אין דעם טאג בוך פארצייכנט א מיינונג וואס איך און מיינע צוויי חברים וויינשטיין און ראדקער האבן פארמעל און זיכער אנגענומען — אין אנהויב 1911 — אז אונזער גוטער חבר אייזאק (יצחק) ראזנבערג איז א זשעניע. איצט, מער ווי 60 יאר שפעטער, און 57 יאר נאך זיין טויט, געפאלן אין שלאכט אין פראנקרייך אין ערשטן וועלט־קריג, איז דאס אנגענומען ווי א פאקט אין דער ענגלישער ליטעראַרישער וועלט. און צווישן דעם פאלק, צווישן מענטשן וואס לייענען, און בפרט צווישן שטודענטן וואס גרייטן



זיך צו זייערע טעזעסן, און געפינען אין ראזענבערגס פאעזיע א היינטיקע שטימע, לידער און דיכטונגען וואס ריידן צו זייער נשמה. אט איז די וואך ארויס א ניי בוך פון פראפעסאר פוסל וועגן „דעם גרויסן וועלט־קריג", און די 5 פאעטן וואס לויט אים דריקן אויס דאס הארץ און דעם גייסט פון יענער עפאכע זיינען „ראבערט גרייווס, עדמונד בלונדן, זיגפריד סאסון (א יידישן פאטער אבער ניט יידישלעך ערצויגן) און די לידער פון ראזנבערג און אווען".

איך האב געקענט ראזנבערג'ס טאטע־מאמע, זיינע שוועסטער און ברידער, די גאנצע משפחה. איך בין ביז היינט געבליבן א נאנטער פאמיליע־פריינט. ראזנבערג, ניט ווי דער רייכער סאסון, איז געווען א קינד פון דער יידישער ווייטשעפלער ארימקייט. מיט זיינע קינסטלערישע באגאבונגען (ער איז שפעטער געגאנגען אין סלייד סקול, די בארימטעסטע קונסט־שולע אין ענגלאנד, און זיינע בילדער הענגען אין נאציאנאלע קאלעקציעס — צוויי זעלבסט־פארטרעטן געפינען זיך אין דער נאציאנאל גאלעריע — און זיינע מאנוסקריפטן זענען דא אין בריטישן מוזעאום) — האט מען אים געפונען ארבעט אין א פאבריק פון רעפראדוצירן קונסט־בילדער. ס'איז אים ניט געווען צום הארץ. טאקי קונסט־בילדער, נאר א פאבריק ווי אלע פאבריקן. ראדקער און וויינשטיין זענען דעמאלט נאך געגאנגען אין הויך שולע. נאר איך האב אויך געארבעט אין א ווערקשטאט אין ווייטשעפל. האבן מיר זיך — ראזנבערג און איך — פארשטאנען ווען מיר האבן זיך געקלאגט אויף אונזער ביטער מזל צו זיין ווערקשטאט־שקלאפן. ראזנבערג האט געשריבן לידער קעגן די טייוולדיקע פאבריק, ווו ער האט געמוזט טון מעכאנישע ארבעט, ווען ער האט זיך געריסן צו לייענען און שרייבן און מאלן.

מיר זענען אלע — יענע ווייטשעפלער יוגנט — געווען אנגעשטעקט מיט סאציאליזם. מיר זענען געווען מיטגלידער אין פאראיין פון די יונגע סאציאליסטן. אונזער קלוב איז געווען א שטוב אין הויז ביי ראדקערס עלטערן. מיר פלעגן גיין אין „ארבעטער פריינט" קלוב אין דזשובילי סטריט. מיר האבן זיך באקאנט מיט ראקער און מיט לינדער, וואס איז שפעטער געווארן רעדאקטאר פון ניו־יארקער „פריי ארבעטער שטימע".

היינט שרייבט מען וועגן ראזנבערג ווי דער דיכטער פון דער ארבעטער מאסע, פון דעם הארעפאשנעם פאלק. אויך זיינע מלחמה לידער ווערן ארויסגעהויבן ווי די שאפונגען פון דעם פראסטן זעלנער, ווען אלע אנדערע פאעטן וואס זענען געווען אין דער ארמיי זענען געווען אפיצירן, מענטשן פון העכערע רייכע משפחות, אוניווערזיטעטס־געבילדעטע.

צוליב זיין ארימקייט טאקי האט זיך ראזנבערג אנגעשלאסן אין דער ארמיי. די ערשטע מלחמה צייט איז געווען א צערודערטע צייט. אלץ האט זיך אפגעשטעלט. ארבעטס־מעגלעכקייטן האבן זיך אפגעשטעלט. הונדערטער טויזנטער יונגע לייט, ארבעטסלאזע, האבן זיך דעמאלט אנגעשלאסן אין דער ארמיי. איידער מ'האט איינגעפירט אין ענגלאנד צוואנג־דינסט.

דער הונגער האט זיי געטריבן. מיר פלעגן ארומגיין אין די לאנדאנער גאסן, ראזנבערג און איך, און זיך קלאגן איינער פארן צווייטן ווי שלעכט עס איז צו זיצן ביי ארימע עלטערן אויפן קארג, און ניט קענען ביישטייערן צום הויז־געהאלט. זיין שוועסטער חנה האט מיר אמאל געשריבן: „מיר זענען געווען ארים. שטענדיק זיך געראנגעלט נאכן שטיקל ברויט" האט זיך ראזנבערג אנגעשלאסן אין דער ארמיי, מיט דעם געדאנק אז זיין מאמע וועט קריגן פון דער ארמיי די וואכן געלט פאר זיין דינסט.

מיר האבן זיך געשריבן בריוו. איך האב אים געזען ווען ער איז געקומען אויף אורלויב. און באלד ווי ס'איז געקומען די טרויעריקע ידיעה אז ער איז געפאלן אין שלאכט, האט די משפחה מיר געלאזט וויסן. איך געדענק יענעם טאג בין איך געגאנגען מיט לעא קעניג אין קענזינגטאן מוזיי, און שפעטער זענען מיר אוועק אין קענזינגטאן גארטן,ביים אלבערט האל און דעם אלבערט מעמאריאל. און די גאנצע צייט פון אונזער שפאציר האב איך גערעדט וועגן ראזנבערג. און אזוי רײדנדיק וועגן אים האט זיך ביי מיר אויסגעשליפן די לעצטע שורה פון א ליד וואס איך האב שפעטער אנגעשריבן, און געדרוקט אין דעם קונסט זשורנאל „קאלאר". ווו ראזנבערג און ראדקער און איך האבן אלע דריי געהאט געדרוקט לידער. „איידער דו האסט צו דיין הימל דערגרייכט, אויסגעלאשן האט דיך ג'אט". א שטערן געווען, נאך פיל מיט ליכט, און ג'אט האט אים צו קוים 28 יאר אויסגעלאשן.

פערצופאל האט א בכור הזעצער געמאכט א טעות, און אנשטאט שטעלן אייזאק ראזנבערג אויבן ביים קעפעל ווי א ווידמונג, האט ער דעם נאמען געשטעלט פון אונטן, ווי ס'וואלט געווען די חתימה. האבן אבער עטלעכע פריינט געוווסט, קעניג, דער מאלער באמבערג, דער מאלער מארק ווײנער, אז ס'איז מיין ליד. און גארדאן באטאמלי, ראזנבערגס ליבלינג־דיכטער, וואס האט רעדאגירט אין 1922 דאס ערשטע ביכל ראזנבערגס לידער, און האט דאס ליד מיינס אריינגענומען ווי ראזנבערגס א ליד, האט שפעטער פארעפנטליכט אנ'ערקלערונג אז דאס ליד איז מיינס, און ער איז פארפירט געווארן ווייל ס'לייענט זיך אזוי ווי ראזנבערגס א ליד, „און ס'איז א גיט ליד."

האט מיר ישראל זאנגוויל טאקי געשריבן דעמאלט אז איך דארף זיין שטאלץ דערמיט וואס מיינס א ליד געפינט זיך אין א באנד פון ראזנבערגס לידער ווי ס'וואלט געווען געשריבן פון אים. בין איך טאקי שטאלץ דערמיט. אזוי נאענט פארוויקלט צו זיין מיט מיין פריינט און חבר יצחק ראזנבערג, דער ווייטשעפלער יונגער ייד וואס ווערט היינט אזוי געפייערט ווי איינער פון ענגלאנדס גרויסע דיכטער, היינטיקס יאר, וואס די ענגלישע פרעסע און ראדיא האט א נאמען געגעבן „ראזענבערגס יאר".

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

11־14 443־46 37'סטער יארגאנג יאנ.־אפריל 1976 לאנדאן


אינהאלט:


לכבוד פסח און לזכרון דעם ווארשעווער געטא־אויפשטאנד *** 3
איך זאג יזכור (ליד) ........ הערי פאצאנאװסקי 16
אליהו הנביא (פסח דערציילונג) ........ שלום־עליכם 16
דער בעכער (פאעמע) ........ ש. פרוג 19
פון ישראל טאג־בוך ........ ש. גאלדשמידט 21
ישראל (ליד) ........ פריד וויינינגער 24
פורים איסטאמבול ........ יוסף וויינשטיין 24
נייע האפנונגען און אנדערע לידער ........ עלא זילבערג 28
א זונענשטראל ביי די יידישע אקטיארן און פריינט. סעם גאלדבערג 30
אייזיק גאלדבערג — א בן שמונים ........ נחמן רובין 32
א ווילינקעס א פיינס (ליד) ........ אייזיק גאלדבערג 34
מיין ערשטער רעפעראט אין דזשואיש רידינג רום, פרילינג לידער
........ א. נ. שטענצל 35
חיים נח בענקוויטש ע"ה ........ אייזיק גאלדבערג 43
א טרויעריק בלומצלע אויפן קבר פון קינסטלער, אקטיאר און
רעזשיסאר דוד ליכט ........ סעם גאלדבערג 46
דאסטאיעווסקי און די היינטיקע גרויזאמקייט ........ משה דאמב 48
איראניע מיט אראפגעלאזטער נאניע ........ ש. 51
לאנדאנער קילטור־ידיעות ........ 56


## געטא-אויפשטאנד לזכרון דער ווארשעווער

דאנערשטיק, דעם 29'סטן אפריל זיבן אזייגער אין אדלער־האל, אדלער סטר. א.1. די זעקס ליכט אנצינדן — אסתר ערלעכ־מאן מלא־רחמים—לעאן בלומענזאן די רעדע —מאיר באגדאנסקי. רעציטאציעס פון די אומגעקומענע שרייבער וועלן לייענען: נעט רובין און אייזיק גאלדבערג זינגען געטא לידער—דז'קאווסקי.


יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראיו, א.1.
רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*